## נייער יידישער לייען-קרייז פאר יוגנט אין לאנדאן

שוין אן ערך דריי חדשים וואס ס'טרעפט זיך יעדן זונטיק אין האמפסטעד א יידישער לייען־קרייז פאר יונגע מענטשן וועלכע אינטערעסירן זיך אויסצובעסערן זייער גערעדטן יידיש און צו באקענען זיך נענטער מיט די ליטעראַרישע אוצרות וואס זיינען געשאפן געווארן אין דער יידישער שפראך — ניט דורך תרגומים און פארשיידענע אנדערע גלגולים אלא טאקע אין דער אריגינעלער שפראך.

דער קרייז איז ארגאניזירט געווארן דורך דוד דזשאנאגלי (ביי אים אין דער היים קומען טאקע פאר די זיצונגען), ר' חיים (וועלכער האט געארבעט א סך ארום די ארגיניזאציאנעלע פראבלעמען וואס זיינען פארבונדן מיט דער גרינדונג פון א געראטענעם לייען־קרייז) און דוד קאץ (וועלכער איז דער לעקטאר ביי די וועכנטליכע באגעגענישן).

דערווייל איז דעם קרייז געראטן צו לייענען פון די ווערק פון שלום עליכם, יוסף אפאטאשו, אברהם רייזען, א. ראבאי און אנדערע. איטלעכער וואס קומט לייענט א פאראגראף אדער צוויי און פרטייטשט, און בעסערט אויס דערמיט זיינע אדער אירע קענטעניש אין יידיש. בעת מען לייענט ווערן אלע דיסקוסיעס געפירט אויף יידיש. דאס הייסט' דער תכלית פון דער גרופע באשטייט ניט אין ריין אקאדעמישע טעמים, נאר וואס דען, די באטייליקטע באמיען זיך צו לייענען ריכטיק און קלאר יידיש, ערשטנס טאקע לשם ליטעראטור און צווייטנס כדי וואס בעסער צו קענען ריידן, פארשטיין, לייענען און שרייבן יידיש.

אט דער קרייז אונטערשיידט זיך פון די אנדערע איניציאטיוון אויף דעם געביט דערמיט וואס זיין ארבעט און זיין צוועק זיינען געווידמעט דורכאויס דער יוגנט.

די ארבעט איז דערווייל שטארק געלונגען. דער יינגסטער וואס האט זיך באטייליקט איז פופצן יאר אלט' די מערהייט זיינען אין די צוואנציקער און דרייסיקער יארן, אין עטלעכע אין די פערציקער און פופציקער. די קלענסטע צאל מענטשן ביי א זיצונג (אין די ערשטע דריי חדשים פונעם לייען־קרייז, ד"ה פון אנהייב פעברואר ביז אנהייב מאי) איז געווען זיבן און די העכסטע צאל ביי א זיצונג — איין און צוואנציק. דאס איז נאר א ראיה וואסערע פריילעכע רעזולטאטן ס'וואלטן געקענט זיין ווען ס'וואלט געפירט געווארן מער ארבעט לטובת יידיש און לטובת דער מזרח־אייראפעאישער יידישער קולטור צווישן דער יידישער יוגנט אין לאנדאן.

א באטייליקטער



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

460־63 38'סטער יארגאנג יוני־סעפט. 1977 לאנדאן

אינהאלט

| | | |
|---|---|---|
| די ערשטע סליחות אין קאצק, ימים נוראים | | 3 |
| ביאליקס יארצייט | ש. גאלדשמידט | 20 |
| בלומען אויף איר קבר | פעלא פעלד | 21 |
| צו שלום אשס 20'סטער יארצייט, לידער | א. נ. שטענצל | 24 |
| אין טריט־שפורן פון אברהם גאלאמב (עסיי) | ב. שלעווין | 30 |
| צום פאעט א. מ. ליטווין | שיע טענענבוים | 32 |
| דער קאנצערט פון סעם גאלדבערג | שמואל מאלץ | 33 |
| דער זילבערנער יובילעאום | העררי אריעל | 34 |
| וועגן די „פרענדשיפ־קלאבס" | אייזיק גאלדבערג | 36 |
| אויף קבר אבות | נעט רובין | 37 |
| ביים כנרת שטייט א יתום (ליד) | שמואל ווהייט | 38 |
| עס גלאנצן די שטערן (ליד) | העררי פאצאנאווסקי | 39 |
| שלאף מיין קיבוץ־יינגעלע (ליד) | דוד בערמאן | 40 |
| מיין זומער־פייגעלע איז טויט (ליד) | עלא זילבערג | 40 |
| דער מאטראז די זקנה און דאס מיידל (פאעמע) | | 41 |
| די עלעגיע פון די יידישע שטעטלעך (עלעגיע) | א. סלאימסקי | 42 |
| בענקשאפט | אסתר ערלעכמאן | 43 |
| פארן גוטן פריינט דעם פאעט א. נ. שטענצל צום 80סטן געבורטס טאג | עלא זילבערג | 44 |
| דיין וועג (ווידמונג ליד) | אייזיק גאלדבערג | 45 |
| צו מיינע שמונים (לידער) | ש. | 46 |

רעדאגירט א. נ. שטענצל

פרייז 15 פענס

יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנטס גראיו, א.1.

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

## לאנדאנער קולטור - ידיעות

יוסף לעפּטוויטש פייערט איצט זיין 85סטן געבורטסטאג. מיר ווינטשן אים און זיין פרוי עד מאה ועשרים שנה. אין לעצטן שבת האט מען געלייענט לידער פונם בעל־היובל און גערעדט איבער זיינע איבערזעצונגען פון יידיש אויף ענגליש. ביי שבת נאכמיטאגס.

דער שרייבער־פאריין גרייט אים צו א פייערונג דעם קומענדיקן חודש.

פראפ. דוב סדן, פון דער ירושלימער אוניווערזיטעט, וועט האלטן א רעפעראט איבער שלום־עליכמען אין קארא־האטעל דעם 23סטן אקטאבער. איינגעארדנט פונם „קולטור־ווינקל״.

פראפעסאר דוב נוי האט גערעדט ביי די ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס אויף דער טעמע „פון אמעריקע איבער לאנדאן״. י. א ליסקי האט אים באגריסט אין נאמען פון לאנדאנער יידישן שרייבער און זשורנאליסטן־פאריין.

לכבוד פראפ. נויס באזוך אין לאנדאן האט ד״ר מייטליס איינגעארדנט א מסיבה ביי זיך אין הויז פארן גאסט. עס האבן זיך באטייליקט א צאל שרייבער צו ערן דעם גאסט.

הרב רבי דוב בעריש פינקלשטיין, איינער פון די גדולי התורה און חסידות אין לאנדאן איז נפטר געווארן. חבל על דאבדין ולא משתכחין.

צוריקקומענדיק פון א טור אין אמעריקע, האט דער אקטיאר סעם גאלדבערג דערציילט ביי די ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס פונם יידישן לעבן דארט, בעיקר פון יידישן טעאטער.

דוד קאץ, וואס האט שטודירט א יאר לאנג אויף דער לאנדאנער אוניווערזיטעט און אנגעפירט דעם יידישן־קורס אין הילל־הויז מיט א גרופע יידישע יוגנט, איז איצט אויף דער נסיעה צוריק אהיים קיין ניו־יארק. פראפ. דוב נוי, יוסף פרענקל, מר באר, רבקה לערער פון חיפה און אנדערע פריינט האבן אים באגריסט ביי די ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס פאר זיין אפפארן פון ענגלאנד.

אין שייכות מיט דער לעצטער נסיעה פון דר. יעקב י. מייטליס קיין ישראל גייט איצט ארויס פון דער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע אין ירושלים די פארשארבעט פון דר. יעקב מייטליס, ארום דעם זעלטענעם מדרש צו די פרקי אבות, וואס געפינט זיך ווינא כתב־יד אין דער נאציאנאלער ביבליאטעק פון פאריז.

עס איז דערשינען אין לאנדאן א בוך לידער פון י. א. ליסקי אין א העבּרעאישער איבערזעצונג, אונטערן נאמען „משירי ציון״. איבערזעצט די לידער האט אהרן הכהן.

ביי די ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס האט מען גערעדט איבער די צוויי באקאנטע שרייבער, ברוך שעפּנער און יחיאל פאליקמאן, וואס זיינען לעצטנס געשטארבן. דער ערשטער אין אמעריקע און דער צווייטער אין סאוויעט־רוסלאנד.

ר בן־ציון גייער, פאטער פון ראביי גייער פון דער פילדגייט־סטריט שול, איז געשטארבן. אונזער מיטלייד דריקן מיר אויס צו דער משפחה.

ד״ר זאקס האט געהאלטן א פארטראג איבער ווייטשעפל אין הלל־הויז. ש. גאלדשמידט האט אויסגעדריקט דאס „ווארד און טהענקס״. דעם פארזיץ האט געפירט יוסף פרענקל.

דער „קול־רינה״־כאר האט געזונגען העברעאישע און יידישע לידער. ביים קלאוויר מר ליכטנשטיין דריגירט: חנה מעצקער.

ד״ר א. מ. ליטווין פון פאריז איז דא געווען אויף א קורצן באזוך אין לאנדאן.

צו א. נ. שטענצלס אכציק יאר האט דער שרייבער־פאריין אים איינגעארדנט אן אוונט, אין וועלכן עס זענען ארויסגעטרעטן מיט רעדעס יוסף לעפּטוויטש, ד״ר יוסף מייטליס, דוד קאץ, ד״ר א. מ. ליטווין, דער אקטיאר בערנארד מענדעלאוויטש, פרוי עלא זילבערג, אייזיק גאלדבערג און אנדערע. דעם פארזיץ האט געפירט יוסף פרענקל.

אין דער ימים נוראים וואך פון די יארצייטן פון משה עובד און שמואל וההייט האט נעט רובין געליינט ביי די יידיש ליטעראַרישע נאכמיטאגס עובדס און ווייהאטס לידער.

**א הארציקן מזל טוב** צו דער חתונה פון **שרה מיכלא**, די טאכטער פון הרב שלמה זאב צווייגנהאפט, מיט **ארי׳ שרגא פייוויש סגל** אין ניו יארק.

א. נ. שטענצל


# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

460־63 38׳סטער יארגאנג יוני־סעפּט. 1977 לאנדאן


## די ערשטע סליחות אין קאצק
(וואריאציע)

דאס בית־המדרש שטיל, צעאטעמט,
איין מים־חיים קוואל;
מען ווארט נאר אויף אים :—
זיין אריינקומען דערהערן!
דער גאנצער בית־מדרש,
איין פארטיפטער אטעם.

איינגעהאלטענע התלהבות,
צעפלאשעטע בערד נ׳פיאות,
די קנייטלדיקע אויגן!
די ליפּן גרייט איפצופלאמען!!
אלע הערצער זיינען פול,
פייערדיק אויפצופלאקערן.

וואס איז בעטן אויף געזונט?
וואס איז בנים, חיים, מזונות?
וואס שוין באגאנגענע זינד?
אין התלהבות־פלאם איפגיין,
אויסגיין — נצוצות־פונקען!
און ווערן אפר ועפר.—

די ערשטע סליחות אין קאצק,
מ׳ווארט, ר׳זאל אריינקומען —
צופאלן א פלאם צום עמוד!
מיט זיין פלאקער־געשריי:
„לך השם הצדקה,
ולנו בושת הפנים״.

מ׳הערט שוין זיין לויף הויך איבער הויף,
זיינע טריט אין בית־מדרש,
עס קלאפן די הערצער צום טאקט — —
מיט געשריי ר׳פאלט צו צום עמוד:
„לך השם הצדקה,
ולנו" א גוטע וואך!"

„ולנו בושת הפנים"?
דו, דער כל־יכול,
דו מעגסט דיך שעמען!
א וועלט ווארט אויף גאולה,
און אים דארט לאזט ער זיצן
א בעטלער מיט אפענע וואונדן".

און דאס גאנצע בית־מדרש,
איין פלאקער־טאנץ ארום שולחן:
„ווען וועט שוין זיין די גאולה?
ווען וועט משיח שוין קומען?
גאט, אז וועסט עס נישט באווייזן,
אליין מיר וועלן זיך אויסלייזן —

די פאדלאגע פון בית־מדרש
נישט פון טרערן איז נאס —
צעגאסן פון יעדן צעגליטן לייב!
פול חדוה־פרייד יעדעס הארץ:
„גאט, אז דו וועסט עס נישט באווייזן,
אליין מיר וועלן זיך אויסלייזן".

## א ראש - השנה טאג

אין בלויען טלית איינגעהילט,
גאלדענע שפאניע אויף שפיץ קאפ,
אויף זיין כסא־משפט זיצט גאט,
אויף וועלט און מענטש קוקט ער אראפ.

דאס געיעג און דאס געפליי!
ווייסן זיי דען נאך וואס וווהין?
פול מיט גיפט און פול מיט האניק —
יעדער פון זיי א ווילדע בין!



באמת וואס האב איך צו זיי,
כ׳האב דאך זיי באשאפן אזוי!
און פון זיין דערבארעמדיק הארץ,
רייסט זיך ארויס א טיפער אוי;

זון און רעגן — רעגנבויגן!
און פון גאטס אויג פאלט גרויס א טרער:
צי האב איך דען נישט געשווירן,
קיין מבול נישט צו ברענגען מער?

צוריק אויסגעלייטערט דער הימל,
אזא גליק איבער גארער ערד —
אויף זיין כסא־כבוד גאט,
זיצט טיף פארקלערט — פריידיג־פארטראערט.

## תשליך

די שיינקייט פון אזא הערבסט־טאג,
וואס קאן זיך דערמיט פארגלייכן?
און ערשט אין דער שקיעה־שעה, ווען
דער מערב נעמט רויט־פארבלייכן.

דאס ציטערן אין די ווערבעס,
דאס געשעפטשע פון די בלעטלעך —
דער גאנצער ארום טוט תפילה,
אלצדינג ארום אזוי געטלעך.

וווּנדער איבער אלע וווּנדער —
כ׳פארשטיי ס׳געפליסטער פון טייכל!
„בני אדם יושבי חושך" איז
נישט גאנצער ארום גאטס היכל?

ווי די קינדער לעצט ברייזעלעך,
פאר פיש אין טייך אריינוואַרפן,
מענטש מיט מענטש דעם לעצטן ביסן,
זיך צעטיילן מיר באדארפן".

לעפטוויטשן צו זיינע 85 יאר — עד מאה ועשרים

ווי שיין א הארבסט־טאג קאן זיין,
דער הימל אזוי לויטער, קלאר —
אז אלצדינג, וואס מ׳ווינטשט זיך,
זע, עס איז אמתדיק־וואר.

יעצט ווי דאס פארוועלקט בלעטל,
וואס פאלט פונם בוים אראפ,
א צייכן אויסגעטראגן
עס האט יעדע צווייג גאטס גאב.

ווען נישט־א די וועלק בלעטלעך,
צי וואלט דען פירות געוועזן?
פון נאטן ארויס זינגען
פון אזא בלעטל געזען —

נישט מיטפליען שוואלב געקענט,
איינזאם ז׳איז געבליבן דא!
שטייט זי דעריבער און זינגט
דער הימל שיינט אזוי בלא.

## „זכרינו לחיים“

ווען דער „נודע־ביהודה“
זיין „מכלכל־חיים“ פארפאסט,
איז א פראגער חזן אין
די שטעטלעך ארומגעפארן,
מיטן ניגונדל אויסגענומען.

זאגט דער שמש צו אים: „רבי,
מיט אייער „מכלכל חיים“,
פילט זיך דער חזן די טאשן,
א דאנק צומאל ער זאל זאגן“
האט דער גאון שטיל געשמייכלט:

„אויב מיין ניגון גיט צום לעבן —
ערשט דער מכלכל־חיים?“
אין זיך ליכטיק צעשמייכלט —



א צווייט מעשהלע ס׳ווערט דערציילט,
פונם „נודע־ביהודה“:

א תשובה ר׳האט אנגעשריבן,
מטהר צו מאכן אן עגונה.
עס איז שוין געווען נאך חצות;
אז איינשלאפן ער זאל קענען,
א שפאציר איבער שטאט געמאכט.

ז׳גייען פארביי דעם דיינס הויז,
ס׳איז שטאק־פינסטער אין די פענסטער.
רופט זיך דער שמש אפ צום רב:
„ביים אלטן דיין ליכטיק געווען,
חצות ער פלעג אפריכטן איצט“.

האט זיך דער גאון, אין בארד אריין,
א ליכטיקער, קלוג צעשמייכלט:
„ווייסט מען דאך כאטשע, אז ער שלאפט,
און ער מיטן צווייטן דיין
שפילן נישט אין קיין קארטן איצט!“

## על חטא

א נס וואס דער אלף־בית
נאר צוויי און צוואנציק אותיות בלויז,
אז נישט, מען וואלט דאך גארנישט
פונם על־חטא קלאפן ארויס.

אחוץ דאס הארץ פון דער ברוסט
ארויסגעשטויסן מיט איין שטויס — —
א, גאט, אז וואס וואלט דער מענטש
געווען אן דעם ווארט — אן דעם אות?

יא, און ערשט די נקודה!
ווי קאן זי זיין געוואלטיק גרויס,
מיט פינטעלע יוד אין הארץ
אויף קידוש־השם מען גייט אויס.

## „אין שכחה לפני כסא כבודך“

ווען נישט דאס פארגעסן,
וויאזוי איסגעהאלטן?
וויפל שלעכטיקייטן
אין די שטערן־פאלטן
פון איין אלטיטשקן בלויז,
פארשטעקט און טיף באהאלטן —

אז יעדער אונזער ריר,
מיט א מיין א פארשטעקטן!
און ערשט ווען מען איז יונג,
מיט תאווה אויפגעוועקטן,
און ס׳אונטערלעקן פון
ווייַ־חכם אינטעלעקטן.

א, ווי דאס הארץ צאפלט,
מיט צענדליקער פארלאנגען,
און מיט אלע כוחות
רק מ׳זוכט זיי צו דערלאנגען;
א, ווי אומריין צומאל,
מיט היילקסטע געזאנגען.

ווען נישט אונזער שכחה,
ווען נישט ס׳ביסל פארגעסן,
איינער דעם אנדערן
וואלט מען זיך דערעסן — —
אז יעדער בן־אדם
רק זיינע אינטערעסן.

## „למנצח לבני קורח“

פון אלע קאפיטלעך תהלים,
אזוי קדוש וטהור הייליק ריין,
גראד למנצח לבני קורח — —
וויאזוי איז דאס־א משיג זיין, פארשטיין?

דעם טיפן מיין דערפון צו דערגיין,
אזוי־א, מן־הסתם, מוז עס זיין:



טאקע ער, דווקא, איז עס דאך געווען,
דער בייזער פעטער קורח ער אליין,

וואס האט קורחדיק אויסגעשריגן:
„כל העדה כולם“ פון גרויס ביז קליין,
דער מינדסטער ייד נאך, דער ערגסטער,
קדוש וטהור איז, הייליק און ריין.

טא וועלן זיי טאקע אצינדער
די בני קורח קינדער, זיי אליין,
מיט זייער למנצח געשריי
דעם שטן, ימח שמו, מנצח זיין.

## א תפילה פון א פאר־צווייפלטן ייד

מיר, גלות־יידן, נעבעך, געמיינט
פונם גאנצן גלגל־הארץ־ערד
איין הייליקע גאולה־מלוכה,
פון אלע גיגגולים — איין משפחה ווערט —

אז מלחמות דאך אמאל אויפהערן,
אלע הונגעריקע וועלן זאט זיין,
מ׳וועט נישט מאכן קיין געווער מער,
די גאנצע מי פארן שטיקל ברויט אליין.

אונזער לאנד מען האט אויפגעגעבן,
מיט די פעלקער זיך ברידערלעך פאראיינט,
די גאנצענע ערד איין מדינה ווערט — —
אזוי האבן מיר תמימותדיק געמיינט.

אויב אבער דער דין בלייבט: א פאלק איז
ווער ביי גרענעץ שטארקע ארמיי האט,
און ביים אפענעם, שטורמישן ים
א גוט־שווימענדיקן, ריזיקן פלאט?

אן ארמיי א גוט־באוואפנטע,
מיט גאנצן קלאפער־געצייט, קריגס־געשיר,
און יעדע רגע עס שטייט גרייט
צום הייליקן אויסקוילען מארשיר.

ניי, הכלל וואס קאנען מיר מאכן?
מיזן מיר אייך האבן אן אייגן לאנד,
און אנשטאט ברויט — הארמאטן מאכן,
און שיסן און אויפהערן און נאכאנאנד.

ווער שמועסט ערשט די פאליטיק־תורה:
טיפער די חכמה וואס גרעסער דער סמיך!
געקושט זיך לציש אין די מיילער,
און די הערצער פול רציחה־טריק —

אז אך און וויי צו דער בריאה־מענטש —
די נידריקסטע חיה מער שכל האט!
נאך גוט וואס מיר גלות־געגאנגען,
געגעבן דעם מענטש כאטש א שטיקל גאט.—

פאר יועמען זיך גוט אויסצואוויינען,
צי העלפן ס'קען? צי, הלילה, „לא?"
דאך פאראנען א שטיקל אייער,
און טיפער טרויער מען שרייט אויס אן „אוי".

## יונה, נעבעך

אז „מפטיר־יונה"
באקומט דער גביר
און „עוזר דלים"
ארעמאן ביי דער טיר,

איז יונה, נעבעך,
כשר גערעכט געווען:
„ווארפט מיך אין ים אריין —
געשען וואס געשען!

בעסער פון א פיש
אויפגעפרעסן זיין,
ווי מיט גאטס ווערטער
צו די מענטשן גיין!"



## „פרי עץ הדר"

ווען טאטע געגאנגען קויפן דעם אתרוג,
ביים זייגערמאכער דעם שפאקטיוו זיך געבארגט,
דעם „גידול", די „בליטן", דעם „עקוץ" און ערשט
דעם עיקר — דעם „פיטום" צו באקוקן!

איז עס דאך די איינציקע מצווה,
וואס שטייט דערביי — עס מוז זיין א „הדר",
א שיינקייט אין אלע אירע געבליטן:
„ולקחתם לכם פרי עץ הדר".

איז דאך דער אתרוג די עץ־הדעת פרי,
וואס חוה געגעבן אדם'ען עסן — —
די פרוכט וואס האט דעם טויט געבראכט איף דער וועלט,
און אייך דאס וויסן וואס גוט איז און שלעכט.

א דעם טויט, שטארבן, אבער וויסן זאל מען!
אז ביסל דעת וואס וואלט ס'אדם'ל געווען?
גאט צומאל וואלט דאך, חלילה, נישט געווען,
אז דער מענטש וואלט אים נישט משיג געווען.

„ותחסרהו מעט מאלוקים" — —
אן ביסל שיינקייט עס צו דערפילן,
אז וואס וואלט דאס מענטשעלע געווען —
אן אתרוג מיט אפגעביסענעם פיטום.

## הושענא רבה ביינאכט

די טעג ווערן קלענער,
זיי קורטשען זיך איין;
טרויעריק, מרה־שחוריק,
פון עפעס א פיין.

א שטערן אויף הימל
אין די נעכט ס'זאל שטיין;
אין הארץ א פינקל כאטש,
א בלישטשל, א שיין.

ס׳דוכט זיך איף גאנצער וועלט
ביסט איינער אשיין — —
וואס זיין, נישט פון שטערן,
פונם חשכות כ׳ליין.

## הושענא-רבה ביי נאכט

— קליינע באלאדע —

א גאנצע נאכט געוואכט,
דער הימל זאל זיך שפאלטן,
אויסשרייען הויך: „לאמיר
אלע צוזאמען האלטן!“

געוואכט, געוואכט און ס׳הארץ
געווען פול מיט האפן,
געשטאנען אזוי ביז —
מיד ער איז איינגעשלאפן.

אין טרוים ער האט געזען
ווי הימל זיך געשפאלטן,
און שטאט א ברכה־ווארט
די ליפן שיער געשאלטן:

אויף אן אמת געמיינט
עס וועט מקוים ווערן,
מיט חלומות ווי לאנג
קאן זיך א מענטש דערנערן?

יא, פון זיין מויל קיין ווארט
ס׳איז נישט ארויסצוהערן;
נאר זיין בליק איבערגייט,
פול מיט זידיקע טרערן.

## אן אפגעקלאפטע הושענא

אן אפגעקלאפטע הושענא,
אז צו וואס קאן זיך נאך טויגן?
א גרוי־ווייסע, א שוואכע שוואלב,
מיט די פייגל נישט צערפלויגן.



גוססט זי צווישן די צווייגן,
צו שטארבן שוין אויסגעצויגן;
דער רעגן, וואס אן אויפהער טריפט —
די טרערן פון אירע אויגן.

ס׳נאסע וועלק־בלעטער געפלאטער —
תחינות צום הימל געפלויגן!
דער גערטנער מיט גרויסן בעזעם
שארט זיי צונויף גאנצע סטויגן.

## א ירושלים - תחינה

— צו די ימים־נוראים היי־יאר —

דערבארעמדיקער, הייליקער און געאכפערטער,
טאטע־פאטער, אזוי־א ביסטו צו דיינע קינדער?
גאט, זע, דיין פאלק, וואס שטייט ביי דער כותל־מערבי,
טאפט עס זיך נישט ווי ביי א וואנט עס טאפט זיך א בלינדער?

פון טייכן־טרערן זיינען אונזערע אויגן רויט
אויסגערונען שוין עס זיינען אונזערע שווארץ־אפלען,
א אונזערע צעווייטאקטע הערצער, גאטעניו,
הער זיך דאך צו, ווי מיט לעצטן צאפל זיי שוין צאפלען;

מיט די לעצטע כחות קוים נאך אהערדערגאנגען,
קוים דערשלעפן זיך געטן טוען דערשלעפן.
ווארהאפטיק העכער ווי די בערג ארום דער שטאט דא
די קופעס קעפ אונזערע, וואס מען האט געטון טוען קעפן —

ווי גרויס, ירושלים, דו ביסט איצט געווארן,
אצינדער דיינע קינדער צו דיר צוריקגעקומען;
ווען מיר זיינען פון דיר, מיט געוויינען, מיט געקלאנג,
פארטריבן געווארן, טיף אין הארץ דיך מיטגענומען.

איצטער פון אלע לענדער ברענגען מיר דיך צוריק,
ווי גרויס, ווי געוואלטיק גרויס וועסטו דאס אצינד ווערן;
אזוי אומענדלעך גרויס ווי דאס גלות געווען,
קיינמאל שוין נישט מער, קיינמאל שוין נישט מער אויפצוהערן.

ווי די יסורים אונזערע, די אומענדלעכע,
די פרייד אין דיר לדור־דורות, אייביק צו דויערן
און אזוי פארטיפט זיין, ווי אין אונזערע הערצער
די בענקשאפט — דאס ממצמקימדיקע טרויערן.

יוען מיר פון דיר דעמלט אינם גלות געטריבן
אויף ווערבע־ביימער אונזערע הארפעס אויפגעהאנגען;
מיט גאנצע ארקעסטערס קימען מיר איצט צוריק,
הארץ דיינס צו דערפרייען מיט וואונדערלעכע געזאנגען.

„אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני“!
אויב איצט, חלילה, דו וועסט אינז צוגענומען ווערן,
א שטאט פול מיט צלמים־געצן דו וועסט אצינד זיין — —
גאט, די הייליקע שטאט נישט מערער צו דיר געהערן.

און מיר, נישט נאר די רעכט האנט — אונזערע אויגן,
וואס געווארט, געהארט צוויי טויזנטער יאר אויף משיחן,
פון גרויס חרפה, חלילה, פון דיר זיי אפקערן,
אין גלות אריין צוריק פינסטער זיך פארקריכן.

וואס איז דען ישראל אן דער שטאט ירושלים?
פון א מענטשן־הארץ די נשמה אים צוגענומען — —
אויף דעם, חלילה, נאך צוויי טויזנט יאר פארטריבן זיין,
דיינע קינדער אצינדער היים צוריקגעקומען?

## י ז כ ו ר

נישט מער קיין שטעטל מען זעט
ווען ארויס מען גייט אויפן גאנעק;
אויגן רויך־איבערלאפן
פון אוישוויץ און מיידאנעק.

קיין פאזוע פליט נישט מער,
קיין בריוועלע זי טוט ברענגען:
אז אלע אין די שטעטלעך
פארברענט און אויף תליות הענגען.

די לבנה — א מאמע,
אירע אויגן פול מיט טרערן;
איינער נאכן אנדערן
לעשן זיך אויסעט די שטערן.



א טרויעריק בריוועלע,
וויאזוי זשע קאן אנקומען,
אז אלע ביזגל לעצטן
אינם שטעטל אומגעקומען.

בלויז די פאווע וואו איז זי?
פארוואס קומט זי נישט צו שוועבן?
זי קרייזט אן אויפהער ארום
די באגראבענע ביים לעבן.

שווארצע קרא פלאטערט ארום,
בשורה רע רק אנצוזאגן:
אז דאס שטעטל מער נישטא,
ווער נאך אייך וועט קדיש זאגן?

## י ז כ ו ר

איז דען א געוויין
פארשריבן צו ווערן?
כדי זיי צו זען
זיינען דען די טרערן?

אז גאט, ער אליין,
זאל זיך נישט טון שעמען,
צומאל נישט מצבה
פארקריצט די נעמען.

פאר חרפה די זון
ס'פנים וואלט פארדעקן,
איינער דעם צווייטן
אנקוקן זיך שרעקן.

ווי מיסט צעשאטן,
לעבעדיק באגראבן,
סימן נישט בלייבן,
קיין זכר נישט האבן.

ווי צו תחנון כ'פאל,
ס'הארץ ווי הויך כ'הער קלאפן;
פון מיינע אויגן
די טרערן שטיל קאפן.

מען שעמט זיך, אז מענטש
אזוי־א געוועזן,
אין גאט ער אליין —
אז אזוינס מ'וועט לעזן.

## — ביי מזכיר נשמות - זיין —

מאכן פון שווערד און אקעראייזן
איז נישט אזוי געוואלטיק שווער,
ווי צו מאכן שניט־מאשינען
פון היינטיקן אטאם־געווער.

און אז דעמלט־א שוין נישט געקאנט,
טא וויאזוי זשע איצטער, היינט?
האט זיך זיין הארץ יאמערלעך אין אים
אן איין ווארט פארשוויגן צעוויינט.

ווארום איב נישט אצינד, דעמלט ווער?
דעמלט דאך קיין „זעל" נישט מער זיין
א גאט, אייב דו ביסט נאר פארהאנען,
הער דיך דאך צו צו דעם געוויין!

## „עוזר דלים הושיעה נא"

א'מענדלעך איבער גלגל־הארץ
„עוזר דלימדיקער" הקפה־גאנג,
און תמיד זיך נאכשלעפן עס מוז זיך
די גיפטיקע, מיאוס־צישנדיקע שלאנג.

דאס צוגעגעסענע, דאס בייזע שפיל,
ווילאנג וועט עס זיך נאך ציען, ווילאנג?

דערפאר א קילעכדיקער, אפשר איז
דרייענדיקער גלגל־הארץ־ערד,
אז זי זאל זיך אזוי וואקלען, וויקלען,
און דאס שלאנג־געציש קיינמאל נישט איפהערט.

ביז דער ליידיק־אנגעבלאזענער באל
צעפלאצט ער ווערט און אינגאנצן צעשטערט.



## די לעצטע רונדע
(צו די הקפות תשל"ח)

אומענדלעך איבער גלגל־הארץ,
דער „עוזר דלים" — דער הקפה־„גאנג"!
און תמיד זיך נאכשלעפן עס מוז זיך,
די מאוס־צישנדיקע, די גיפטיקע שלאנג.

דאס גרויזאמע צוגעגעסענע שפיל,
ווילאנג וועט עס זיך נאך ציען, ווי לאנג?

איז דאס א טראגי־קאמעדיע אזא,
ביז דיין בליק פון לאכן זיך אזש פארטרערט?
א געטלעך קינדערשפיל וואס בייט וועלטן,
און צו זיין פארגעניגן זיי צעשטערט?

„יושב בשמים ישחק"! אזוינס,
איז דאס־א דיין קינדער־שפיל? אומדערהערט!

„אתה הראת לדעת" — עס איז שוין,
די לעצטע שעה — לעצטע מינוט אצינד,
די לעצטע הקפה שוין — לעצטער טאנץ!
און וועט די גאולה נישט קומען געשווינד — — — —

אויף ערד קיילעך עס וועט נישט איבער־
בלייבן קיין איין לעבעדיק מענטשן־קינד.

## „כי זה כל האדם"

א

שוין אפגעקלאפט אלע הטאים,
אפגעטאנצט שמחת־תורה־טאנץ;
קאפ אויסגעניכטערט א ביסל,
און דאס הארץ געבליבן ס'איז גאנץ.

עס הויבט זיך אן א ניי פריש יאר,
אייסגעגליכן דאך דער בילאנץ,
און ווידער צו זינדיקן נאך,
גאט זיי דאנק א שטיקעלע שאנס.

„כי זה כל האדם“! ס׳מענטשל,
צעקוועטש עס חלילה נישט גאנץ — —
ווארים ערגער ווי ביס פון שלאנג,
דער שטינק פון א צעקוועטשטע וואנץ.

ב

. . . וואס מערער מיר מענטשן שוין פארשטיין,
אלץ זינדיקער מיר וועלן נאר זיין.

פנים אל פנים קייגן גאט שטיין,
און ס׳וועט בלויז זיך קייגן זיך צו גיין:

כי זה כל האדם, דאס נאר אליין,
אז מיר האבן כאטש ס׳ביסל געווין —

איינער אליין אין א ווינקל שטיין,
און טרערן טריפן געלויטערט ריין.

## „לעיני כל - ישראל“

די תוכחה אפגעזאגט,
געטון טון שנעל זיי בענטשן,
נישט מוזן אנקוקן מער
דאס פנים פונם מענטשן.

דעם בארג ארויפגעלאפן,
מיט א טויט-שטילן שווייגן,
און זע, דער כביכול
אליין גייט אים אקייגן:

„וואייל דיר, מיין קנעכט, מיין משה,
דו קאנסט א׳משטערבלעך שטארבן,
איידער מיינע קינדער דאס
הייליק-לאנד כ׳מאך ארבן.

וואייל דיר משה, איך אבער
וואס אייביק איך מוז בלייבן,
א, צוזען איך וועל מוזן
ווי תמיד מ׳וועט זיי טרייבן;



ווי איבער דער גאנצער ערד
מ׳וועט זיי יאגן און פלאגן — —
משה, נישט איך דיך — דו מיך
באוויינען און באקלאגן!

אזוי אבער דאס געזעץ,
א פאלק, וואס זיין גאנץ שטרעבן
ווי איך, ווי א גאט אליין,
אייביק צו בלייבן לעבן“.—

און צומאכנדיק משהן
זיינע ליכטיקע אויגן,
א שטאק-פינסטערע חשכות
איבער וועלט זיך פארצויגן.

## „ווען שוין זיין די גאולה“

— א שמחת תורה-טאנץ —

ווען ארעמקייט און רייכקייט
עס וועט שוין זיין אויסגעגליכן,
נאר אויב אין הארץ דעם צווייטן
נישט אקייגנטאנצן, ווי
מען טאנצט אקייגן משיחן;

מלא חכמה שוין ווערן
ס׳וועט דער גאנצער ערד-קיילעך,
נאר שנאת-חינם הערשן,
מיט תאווה ס׳הארץ זיין פול — פארברעך
נאך באגייט דוד המלך.

פאר קנאה טוט א ברודער,
איינער דעם אנדערן טויטן;
און זידיקן ברידער-בלוט
די פארטיי-פאן איינטונקען,
פלאם-פייערדיקער צו רויטן.

„ווען שוין זיין די גאולה“?“,
ווען וועט משיח שוין קומען?
ווען אין הארץ מיטן צווייטן
מיט ריינער, מיט לויטערער
ליבשאפט זיין ארומגענומען.

ש. גאלדשמידט

## ביאַליק׳ס יאָרצייט

ביאַליק איז געבוירן געוואָרן אין 1873 און איז געשטאָרבן אין 1934. ער האָט פאָרויסגעזען זיין פריצייטיקן טויט.

אחרי מותי ככה ספדו לי:
היה איש וראו איננו עוד
ושירת חייו באמצע נפסקה . . .,
נאָך מיין טויט זאָלט איר מיך אַזוי באַקלאָגן:
געווען אַ מענטש און ער איז מער ניטאָ,
און זיין ליד איז פאַרשטומט געוואָרן אין סאַמע מיטן . . .

(די דאָזיקע איבערזעצונג און אַלע אַנדערע אין דעם אַרטיקל זיינען מיינע אייגענע).

אין זיינע 61 יאָר האָט ביאַליק באַוויזן צו שאַפן גענוג בכדי צו טראָגן די קרוין פון אונזער נאַציאָנאַלן ריכטער במשך פון איבער פערציק יאָר. ער איז געווען אונזער גרעסטער דיכטער זינט רבי יהודה הלוי. רבי יהודה הלוי האָט געשפּאַנט דעם עלפטן און צוועלפטן יאָרהונדערט; ביאַליק האָט געשפּאַנט דעם ניינצענטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

מיר האָבן ניט קיין מעטערמאָס צו מעסטן דיכטונג, על כל פנים, ביאַליק איז געווען אַ ריז צווישן דיכטער. פאַר אונז האָט ער אַרטיקולירט די בענקשאַפט פון יידישן פאָלק נאָך ציון, אונזערע מפּלות און נצחונות, אונזערע שמחות און טעג פון אבלות. ער האָט אונז פאַרוויגט און גע־וועקט, באַרואיקט און אויפגעבראַוזט, געליבט און געזאָגט מוסר — און מיר האָבן אַלץ אויפגענומען באהבה. דאָס איז דער סימן פון אַ נאַציאָנאַלן דיכטער!

שוין אין זיין ערשטן ליד האָט ביאַליק אויסגעדריקט די יידישע בענקשאַפט נאָך גאולה:

הרחם, הנחם אלוה את ציון
אם עודה עזובה לקברים?
צי האָט גאָט פאַר ציון אַ טרייסט געגרייט,
אָדער איז זי נאָך אַלץ מיט קברים פאַרזייט?

געקומען דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס (הײַ־יאָר פייערן מיר זיין אַכציקסטן יאָרטאָג און ביאַליקס האָט רעזומירט די שטימונג פון יידן איף דער גאָרער וועלט:

אם פדות אין לעמנו עוד גואלנו חי,
וקמה ובאה השעה הגדולה.
אויב מיר זיינען שוואַך — אונזער גואל איז ניט,
און די גרויסע שעה מאַכט אירע שריט.

ביאַליק האָט געלערנט אין וואָלאָזשין, אונזער סאַמע מאָדערנע ישיבה.



ער האָט גוט געקענט רוסיש און דייטש. ער האָט אַפילו איבערזעצט שילער און קאָנטראָלירט זשאַבאָטינסקי׳ס איבערזעצונג פון זיינע לידער אין רוסיש (וולאַדימיר יעווגעניעוויטש איז מער רוס איידער איך, אָבער איך ווייס זייער גוט וואָס ער טוט, און איך זע אַז איך קען זיך אויף אים פאַרלאָזן") — אָבער פאַר אים איז דאָס אַלץ געווען אַן אַנטוויקלונג אינעם גאַנג פון אונזער געשיכטע, ניט קיין אַנטרינונג פונעם אַלטן שטייגער. אין „המתמיד" האָט ער די דאָזיקע באַציאונג געגעבן אַ דיכטערישן אויסדרוק:

אם יש את נפשך לדעת המעיין . . .
אויב דו ווילסט וויסן דעם סוד פונעם קוואַל . . .

ביאַליק איז אָבער קיינמאָל ניט געבליבן פאַרשלאָסן אין די ד׳ אמות פון אונזער נאַציאָנאַלן לעבן און עטאָס. ווי אַלע גרויסע דיכטער איז ער געווען אַ הומאַניסט און ער האָט געטראָגן דעם ווייטאָק פון דער גאַנצער ליידנדיקער מענטשהייט אויף זיינע פּלייצעס, ווי אַטלאַס האָט געטראָגן די וועלט. ער האָט כסדר באַוויינט דעם טאַלענט וואָס איז פאַרשקלאַפט אין דחקות; געגאָסן טרערן איבער יתומים אָן שוץ; באַשריבן איינזאַמקייט וואָס רעדט צו זיך אַליין.

בעת מיר האָבן ניט געקענט געפינען קיין אויסדרוק צו באַשרייבן דעם אומגליק אין אייראָפּע, בעת די לאַגערן האָבן זיך געעפנט און אַנט־פּלעקט פאַר אונזערע אויגן דעם גיהינום פון דער נאַצי־תקופה האָבן מיר געזוכט ווערטער צו דערציילן און ניט געפונען. חברים־שרייבער האָבן געפּרוּווט און עס איז זיי ניט געלונגען. איך האָב אַפילו ניט געפּרוּווט. איך האָב זיך דערמאָנט אין ביאַליק׳ס דריי ווערטער וועגן אַ פריערדיקן חורבן:

לבי ספף של דמעה . . .
מיין האַרץ שווימט אין טרערן . .

יידן אין ווייטע לענדער האָבן געשריבן, אַז די דאָזיקע דריי ביאַליקשע ווערטער האָבן זיי אַלץ דערציילט. דאָס איז דער כוח פון אַ גרויסן דיכטער!

ביאַליק געהערט צו ישראל און די תפוצות. זיין גייסט באַהויכט נאָך אונזער לעבן עד היום הזה און וועט עס באַהויכן ביזן סוף פון אַלע דורות.

פעלאַ פעלד

## בלומען אויף איר קבר

דעם 16טן אָקטאָבער, 1977, ווערט אַ יאָר, ווען ס׳איז אַוועק אין דער אייביקייט רחל דון־יחיא; פאַר אַלעמען באַקאַנט אַלס מרס. דאַניאַך.

זי האָט געהערט צו דעם סאָרט מענטשן, וועלכע דערשיינען פּלוצלינג ווי אַ קאָמעט און פאַרשווינדן — אָבער בשעתן פלי באַלייכטן זיי אונטער וועלטל מיט אַ וואונדערלעכן ליכט און לאָזן איבער נאָך זיך ווערטפולע שפּורנגען.

רחל איז געווען א דורכויס שעפערישער מענטש: זי האט געשריבן לידער, עסייען, ארטיקלען, פיעסן אין יידיש, העברעיש און ענגליש. איר קאמף פאר עקזיסטענץ איז געווען א שווערער. דאס האט אבער נישט געשטערט איר צו זיין וואך און רעאגירן אויף אלע דערשיינונגען וואס זענען פארגעקומען אין לעבן פון יידן אין לאנדאן, ישראל און גלות.

בשעת דעם שרעקלעכן חורבן פון יידישן פאלק—ווען גרויסע שרייבער האבן נאך געזוכט דאס פאסיקעווארט, וואס זאל קאנען אויסמאלן דעם אומקום פון זעקס מיליאן קדושים — האט די „מאמע רחל" מיט איר צארט, צעוויטיקט הארץ אנגעשריבן א פיעסע, „אויפשטאנד אין געטא", וואו זי האט קינסטלעריש באשריבן דיליידן פון די יידן אין געטא, זייער פיין, זייער געמיט־צושטאנד, די טראגישע הילפלאזיקייט און פארענדיקט מיט א שטראל פון האפענונג, אז יידן וועלן דאס איבערלעבן; אז די המנס און היטלערס קאנען נישט אויסראטן דאס יידישע פאלק, ווייל עם ישראל חי לנצח!

זי האט געקענט די געשיכטע פון איר פאלק, די מארטיראלאגיע פון אלע דורות, ווען קיין שום שונא־ישראל האט אונז נישט געקאנט פארניכטן.

די פיעסע איז געשפילט געווארן אין „אדלער האל", אדלער סטריט, אונטער דער ליטונג פון די זער טאלאנטירטע ארטיסטן און רעזשיסאר, מארק מארקאוו און עטא טאפעל.

רחל דון־יחיא האט געשטאמט פון גרויסן יחוס: אירע אור־עלטערן, קינדער פון „ווילנער גאון". פון זיי האט זי געירשנט די ליבע צום לערנען. זי האט שטודירט און דערלערנט דעם מקור פון דער העברעישער שפראך. א בקי געווען אין תנ"ך, שטודירט אין קאזאנס אוניווערזיטעט און געענדיקט אלט פעדאגאגין. אין 1904 האט זי חתונה געהאט מיט א. ז. דון־יחיא, א זון פון רבי מנחם מענדל דון־יחיא, פון ספרדישער אפשטאמונג. זיין משפחה איז באשטאנען פון לומדים, וויסנשאפטלער, מלוכה־מענער, וועלכע זענען געווען בארימט אין שפאניען און פארטוגאל. ער האט ווייטער געשפינט דעם פאדים פון זיינע אבות, געווען א למדן אין העברעיש און אראביש. זיין קענטעניש פון די שפראכן האט אים געגעבן א מעגלעכקייט צו זיין „לעקטשורער" אין דער קעמברידזש־אוניווערזיטעט.

וואס פאר א גליקלעכער ציפאל, אז די צוויי לומדים האבן זיך באגעגנט און חתונה געהאט! פון זיי איז ארויס דורות פון קינסטלער און וויסנשאפטלער: איר טאכטער, שולמית — א פיאניסטין און קאמפאזיטארין; איין זון, נקדימון דאניאך — געענדיקט אוניווערזיטעט פאר אריענטאלישע שפראכן, ארויסגעגעבן עטלעכע ווערטפולע ווערטער־ביכער. ער האט באקומען דעם ארדן א.ב.אי פון דער קעניגין עליזאבעט. ישראל דאניאך, איר צווייטער זון — פראפעסאר־מעדיצין פון „לאנדאן האספיטאל", באקאנט אין דער מעדיצינישער וועלט פאר זיינע פארשונגען.

איך האב נישט בדעה געהאט אנצושרייבן קיין ביאגראפיע און אויס־



רעכענען די אלע מעלות פון דער זעלטענער יידישער פאמיליע. מיין ציל איז נאר צו דערציילן אין אפאר ווערטער וועגן מיין פריינטשאפט מיט „מיסיס דאניאך"

ווען איך האב דאס ערשטע מאל מיך געטראפן מיט דער לייטערין פון דער ביבליאטעק און קולטור־טעטיקייט, אין דער איסט־ענד — באלד ביים ערשטן צוזאמענטרעף האב איך דערפילט א ליבשאפט צו דער דאזיקער פרוי מיט דעם הארציקן, מאמישן שמייכל. איר פנים האט אויסגעשטראלט אזא ווארעמקייט, גאנטקייט, אז מען האט זיך גלייך דערפילט „אין דער היים" מיט איר. זי האט געהאט א נאטירלעכע אויטאריטעט, ווע'ל'ע האט געשאפן, אז אלע האבן זיך באציגן צו איר מיט כבוד טראץ דעם וואס זי איז געווען כולו פשטות.

איך האב נישט דורכגעלאזט קיין געלעגנהייט מיט איר צו פארברענגען — אויב זי האט צייט געהאט —. די שמועסן מיט איר זענען שטענדיק געווען אינטערעסאנט און באלערנדיק: זי האט גלייך געשאפן א קינסטלערישע, דערהויבענע אטמאספערע; קיינמאל זיך נישט באקלאגט וועגן טעגלעכע זאכן און אויך נישט ליב געהאט צו רעדן פון אנדערע. די וויכטיקסטע זאך אין איר לעבן איז געווען שיין־ארט, ליטעראטור, קונסט־מאלעריי, טעאטער. זי האט שעהנלאנג געקאנט רעציטירן אויף אויסנווייניק רוסישע, העברעישע, יידישע פאעזיע.

אפילו אין טיפער עלטער, ווען איר געדאנק פלעגט אוועקוואנדערן ערגעץ־וואו, שמייכלען און שמועסן מיט עמיצן אין איר געדאנק — נישט באוואוסט פאר דעם וואס איז געזעסן נעבן איר — איך דאן פלעגט זי רעציטירן רוסישע פאעזיע.

זי איז געווען פארליבט אין שיינקייט. זי פלעגט באוואונדערן די בלומען און ביימער, וואס זענען געוואקסן אין איר גארטן אין סיפארד, דורך איר פענסטער באוואונדערן דעם ים, דעם זון־אונטערגאנג. דער בלויער הימל האט אלעמאל ארויסגערופן א שמייכל אויף איר ראזע־פנים מיט די זילבער־ווייסע האר. קוקנדיק פלעגט זי איינדרימלען.

איינמאל א נאכמיטאג האט זי, ווי שטענדיק, איינגעדרימלט מיט איר מאמישן שמייכל אויף איר פנים, דעם 16טן אקטאבער, 1976, האט זי פארמאכט אירע אויגן אויף אייביק —

דער קאמעט איז פארשוואונדן און האט איבערגעלאזט א העליש ליכט אין זכרון פון די, וואס האבן זי געקאנט און וועלן זי געדענקן אין צוריקגעפינען אין די ווערק, וואס זי האט געלאזט נאך זיך.

צו דער ערשטער יארצייט פון אמה, מיין טייערסטער פריינדין רחל דאניאך, שרייב איך די פאר ווערטער — אנשטאט בלומען אויף איר קבר.

# צו שלום אשס צוואנציקסטער יארצייט

אין די מלחמה־יארן, ווען ווייטשעפל איז אזוי שטארק באמבארדירט געווארן אז אין כדי אין די לאנדאנער גרויסע געשעפט־גאסן זאל קענען אנגיין דאס לעבן נארמאל און נישט הערן דאס באמבע־קנאלן, האבן מוזיק־קאפעלעס מארשירט און געשפילט פריילעכע מארשן, האט עס באמת שוין אויסגעזען, אז היטלערס גאנצער קריג איז נאר מיט די ווייטשעפעלער יידן, און ער וויל רק חרוב מאכן זייערע געסלעך — דעמלט איז ווייטשעפל געווען אן עיר־ואם בישראל פון איבער 100,000 יידן — האבן די ווייטשעפעלער שניידער־פאבריקאנטן מיט זייערע ארבעטער גענומען זיך באזעצן אין מאנטשעסטער, אין ליווערפול, אין לידס און אויך אין פארשידענע פארשטעט פון לאנדאן; און פארמעגלעכע יידן פון זייערע געבאמבטע הייזער האבן זיך אין גרויסע מאסן געצויגן קיין גאלדערס גרין, קריקלוואוד און הענדאן. און דער גאר חסידישער, פרומער עולם, מיט זייערע ישיבות און חסידים־שטיבלעך — קיין סטאמפארד־היל.

אונזערע „ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס" זיינען טאקע ווייטער אנגעגאנגען. — היי־יאר וועט ווערן פערציק יאר זינט זיי זיינען געגרינדעט געווארן: — דרויסן זיינען די באמבעס געפאלן, די סירענעס האבן געבלאזן, מענטשן זיינען געלאפן אין די שעלטערס אריין, אבער אינעם זאל איז געווען א שבת־שטימונג; א זינגער האט געזונגען פאלקסלידער, א רעציטאטאר האט רעציטירט פאעזיע, פראזע, א לאנדאנער פאעט געלייענט א פריש־אנגעשריבענע פאעמע, פארלעזער געלייענט פרצס, שלום־עליכמס, אשס א דערציילונג — דער עולם איז טאקע אביסל קלענער געווען, אבער אויסגעזעסן די צוויי שעה ביים עונג שבת.

דער „רידינג־רום" איז געווארן געבאמבט — אנגעהויבן האבן מיר אין „יידישן רידינג־רום" —, האבן מיר גענומען א זאל אין א יידישן רעסטאראן אין ווייטשעפל. דער „יידישער שעלטער" האט אונז אריינגענומען, מ׳האט דאס יידישע טעאטער אויף צוויי שעה שבת אפגעדונגען — קיין איין שבת איז נישט אדורך, אז מ׳זאל נישט אנגיין אין ווייטשעפל מיט אונזערע „יידיש־ליטערארישע שבת נאכמיטאגס".*

דרויסן האבן די „קולטור"־דייטשן געווארפן צינד־באמבעס, געברענט געהרגעט, און מיר דרינען האבן געלייענט יידישע ליטעראטור: פרצן, שלום־

* א צייט־לאנג אויך אנגעגאנגען מיט וועכנטלעכע קאנצערטן, מיט „חנוכה און פורים פייערונגען" און גרויסע עפענטלעכע פערזאמלונגען צו די יארצייטן פון אונזערע קלאסיקער.



עליכמען, מענדעלען, שלום אשן, ווייסנבערגן, בערגעלסאנען לייוויקן א.א. — „וקראת לשבת עונג"!

* * *

צווישן די עוואקוירטע ארבעטער האבן זיך געפונען אייניקע פון אונזערע מענטשן, און זיי האבן געגרינדעט אזעלכע שבת־נאכמיטאגס אין זייערע נייע מקומות, און כמעט אויף יעדן שבת איז אהינגעפארן ווער פון די לאנדאנער און געהאלפן „מאכן שבת".

פון יענע יארן איז נאך געבליבן א שטיקל טראדיציע און די חברים פון ליווערפול און מאנטשעסטער טרעפן זיך יעדע צוויי וואכן אויף א יידיש־ליטערארישער מסיבה — דער אנפירער דערפון איז הערי פאצאנאווסקי.

און זאל אויך דערמאנט ווערן די אהין־פארער במשך פון יענע געפערלעכע מלחמה־יארן אויף דער פראווינץ, מיט רעפעראטן און מיט פארלייענען: אסתר קרייטמאן, דארא דיאמאנט, משה עובד, יהודה ביטש, שלמה אויערבאך און — צו לאנגע יארן! — אייזיק גאלדבערג, נעט רובין און אנדערע.

אויף איינעם אזא שבת — די פינף און צוואנציקסטע יארצייט נאך מענדעלע מוכר ספרים, אונזער גרויסן קלאסיקער, בין איך געפארן קיין לידס. נאך מיין דרשה קומט צו מיר צו א דאמע און פארבעט מיך אויף א גלעזל טיי: זי האט מיר עפעס וויכטיקס צו דערציילן, און אט איז וואס זי האט מיר דערציילט.

* * *

וואס זי האט מיר דערציילט איז כהאי לישנא: זי אליין איז א קוטנערין, און אונזער גרויסער שלום אש איז נאך א היימיש בחורל. ער גייט נאך אין א יידיש היטל אנגעטון און אין א לאנגער יוביצע, אבער די פארטגעשריטענע יידישע יוגנד האבן שוין געוואוסט, אז ער שרייבט; אז ער וואקסט א גרויסער יידישער שרייבער, אין זיין הולך איז ער מיט אפאר אנגעשריבענע מעשיות געפארן קיין ווארשע זיי צו ווייזן פרצן.

עס האט נישט לאנג גענומען און אשס דערציילונגען האבן זיך גענומען באווייזן אין זשורנאלן און צייטונגען.

קוטנע האט גענומען קלינגען מיט זייער בן־העיר און די יוגנט איז געווען שטאלץ מיט אים.

אין איין טאג באווייזט ער זיך, אהיימגעקומען אויף א באזוך צו זיינע עלטערן — שוין א גאנצער פאעט — גאנץ קוטנע קלינגט מיט אים!

דער עיקר, די אינטעליגענץ און מיידלעך, וואס גייען ביכער אונטערן ארעם און, אז קיינער זעט נישט — בחורים.

די, וואס האבן געוואוסט, אז ער „וואקסט" און „קאלעוושאנקעס", פאר וועלכער ער פלעגט פארלייענען זיינע „שאפונגען", האבן איינגעארדנט

א גלעזל טיי פאר זיין צוריקפארן קיין ווארשע.

ביים געזעגענען זיך, האט ער געזאגט צו די פאר „קאלעזשאנקעס“ אזוי ווי אין קומענדיקן חודש קומט פאר אין ווארשע א גרויסע פייערונג צו דער 100סטער יארצייט נאך דעם פוילישן קלאסיקער — אדאם מיצקעוויטש — אזוי דאכט זיך — און ער איז אן ארייננגייער צו די פוילישע גרויסע שרייבער אין ווארשע — לאדט ער זיי איין צו דער פייערונג און זיי וועלן קענען איינשטיין ביי אים די פאר טעג — זיי זאלן למען השם קומען.

° ° °

די פינף־זעקס קוטנער קולטור־קאלעזשאנקעס האבן זיך געגרייט צו זייער נסיעה קיין ווארשע — עפעס א קלייניקייט ווארשע ?!—געסט פון א יידישן שרייבער, אויף א פייערונג פון א גרויסן, פוילישן קלאסיקער —

מ׳האט זיך געגרייט צו דער נסיעה מיט „וויפראוועס“, ממש ווי צו א חתונה.

און געקומען איז דער אויסגעהאפטער טאג און מ׳האט זיך געלאזט אין דער רעזידענץ־שטאט, ווארשע, אויף דער איינלאדונג פון בארימטן קוטנער שרייבער, שלום אש—קענען צו לערנען די גרויס וועלט—ווארשע, די גרויסע פוילישע שרייבער . . .

זיי קומען אויפן אדרעס — נישט אויף אזא ווי זיי האבן זיך פארגעשטעלט! עס וואוינט א בארימטער שרייבער — עפעס אין א פארווארפן געסל, א שטיקעניש, א שמעקעניש. אויפן אויבערשטן שטאק קומט ארויס אן אלטע יידענע, קוקט אן מיט אפאר בייזע אויגן די אויסגעשטראנצלטע פראווינץ־„פרויליינס“ און פרעגן זיי מיט א געבייזער: וואס ווילן זיי?

זיי ווילן צום שרייבער שלום אש.

„ווער ווייסט אים, דעם ארומטרייבער!“ שרייט זי אויס מיטן געבייזער. „שולדיק געבליבן פאר א האלבע וואך דירה־געלט און שריי חי וקים“ און צוגעקלאפט די טיר פאר זייערע אויגן.

חברה חברטעס זיינען געבליבן שטיין נאך אזא ברוך־הבא מער טויט ווי לעבעדיק: וואס טוט מען? שפעט פארנאכט, א צוג צוריק קיין קוטנע איז היינט מער נישטא. כאטש זיך אנידערצוזעצן דא אויף די שטיגן און אדורכזיצן די נאכט.

איז איינע געפאלן אויף אן עצה. פרצס אדרעס קענען מיר דאך, וועלן מיר אהינגיין צו אים און זיך נאכפרעגן — ער ווייסט דאך, מסתם, זיין נייעם אדרעס.

° ° °

עס רעדט זיך לייכטער ווי עס טוט זיך — א קלייניקייט אהינצוגיין צו פרצן? האט מען אבער געהאט א ברירה? איז מען מיט קלאפנדיקע הערצער געגאנגען אויף דער צעגלאנער גאס און אנגעקלאפט אויפן בארימטן נומער 2.



פרץ האט, מיט א שמייכל, אויסגעהערט זייער פארלעגנהייט און זיינע גרויסע פרץ־אויגן זיינען נאך צעשטראלטער געווארן און פריילעך זיי איינגעלאדן: „א קלייניקייט קוטנער מיידלעך, אשס קאלעזשאנקעס זיינען אנגעלייגטע געסט. קומט נענטער, קומט אין שטוב אריין, און דער גאנצער ענין וועט, אם ירצה השם אין בשעה מצלחת דערליידיקט ווערן על־צד היותר טוב“.

° ° °

דער סוף המעשה פון דער פריילעכער געשיכטע איז, האט פרץ זיי דערציילט, „אזויווי די עיקר־פייערונג קומט פאר אין קראקע, האט זיך אונזער שלום מיטגעכאפט מיט זיינע פוילישע קאלעגן קיין קראקע. אבער אין אונז, אפנים, האט גאט אייך נישט פארגעסן — מיר וועלן אויך פייערן“.

און נאך ווי פייערן מיט יידישע קוטנער פרייליינס, „קאלעזשאנקעס“ פון א צוקונפטיקן גרויסן יידישן שרייבער.

פרץ האט ארייגערופן זיי פרוי און איר פארגעשטעלט די קוטנער פרייליינס, אשס קאלעזשאנקעס, און איר דערציילט באריכות די גאנצע מעשה און עס האט זיך ערשט אנגעהויבן דאס אמתע לאכן: „איז קודם מאך דאס קלאסישע מאלצייט, אי ווי פאר אשס קאלעזשאנקעס אי לכבוד דער פייערונג און מיטן שלאפן וועט מען אויך אויסקומען.“

נאך דער געשמאקער סעודה שטעלט זיך פרץ אויף: „ווייסט איר, כ׳האב אן איינפאל, מ׳וועט אראפנעמען די צוויי בעטגעוואנטער, די זעקס קישנס פון אונזערע בעטן אויסבעטן אויף דער פאדלאגע און עס וועט זיין פלאץ פאר אלע“.

מ׳האט אויך די מאטראצן פון די בעטן ארויסגענומען!

ווען מ׳איז שוין געלעגן, יעדער איינגעטוליעט אויף זיין פלאץ, זאגט פרץ: „איר קענט דאך, מסתם, יידישע לידער, זינגט זשע פארן איינשלאפן“.

יעדע פון אונז האט זיך דערמאנט עפעס אין א שלאף־ליד א מאמעליד; מ׳האט אנגעהויבן מיט פאלקסלידער, מיט ראזענפעלד, מיט פרוגן, מיט ווארשאווסקין.

ווען „דעם פראגראם“ האט שוין געהאלטן ביים זיך ענדיקן, האט פרץ געפרעגט, ווי א פארשעמט יינגל: „און פון מיר א ליד קענט איר גארנישט?“

מיר זיינען אלע רויעריק־שטיל געווארן — מיר האבן קיין איין ליד פרצס אויסנווייניק נישט געקענט און פאר חרפה די ליילעכע איבער די אויגן געצויגן און מיד פארטראכטע קוים איינגעשלאפן.

° ° °

(א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס)

עס עסט זיך שוין אביסעלע צו,
שפילט מען זיך לאנג ארום מיט פאליטיק;
עס ווערט א טרויעריקער ניגון,
נ׳רעוואלוציע־מארש ס׳פאלט אריין דער סמיק —

די זשידעס, מ׳ברויך זיי אויף כפרות!
אבער ווען מ׳קאן זיך אן זיי נישט באגיין?
ווען מ׳האט זיי געוואלטיק נייטיק,
ווארפט מען זיי אויך צו א פעטן ביין.

צו באפרייען דעם פראלעטאריאט,
אויב א שעיר־לעזאזל נאך מען ברויך — —
באווייזן דערמיט מען טוט נאר בלויז,
אז אליין שוין, נעבעך, מען איז בלא כוח.

און מיר — א הלצה־נאציע* זיין!
אויב מיר זיך רק פארלאזן אויף דער ביקס —
ס׳ווערט א שפיל נישט מיט גאט — מיט טייפל!
איקס מיקס דריקס און ס׳ווערט גאט די ביקס.

* * *

עס האט זיך ארייגעכאפט,
א וואנץ אין פרעזידענטס הויזן,
מ׳וועט זי כאפן, צעקוועטשן,
אויב די הויזן גוט דורכלויזן.

אמת, א שטיקל שטינק זיין,
די נעזער מוזן צו האלטן . . .
ווי שטייט דארט „גם זה יעבור״,
און עס וועט בלייבן ביים אלטן.

נאר זאל ער מיר מוחל זיין,
דער פרעזידענט פון די שטאטן:
ס׳גערבאלדעלע זיינס צופיל,
„קעלניש״־וואסער ס׳טוט פעראטן —

* האלוצענאציע



עס שמעקט אהין, ס׳שמעקט אהער,
א, איך זאל זאגן א ליגן:
אין גערבאלדעטע אזא,
לייזלעך זיך לייכט פארקריכן.

(„חי וקים נורא מרום וקדוש*)

און אז מ׳וועט דארפן פרישע זעקס מיליאן,
כדי נאך דריי אין ישראל וואוינען?
מילא, נישט קדושים — משומדים,
אנטלויפערס, די מציאה זאל זיך לוינען.

אז ווער ברויך זיי, די גלות־יידעלעך,
דאס בייזע געפלאנטער צווישן די רגלים?
פרישע שילומים געזיכערטע נאר
און דערנאך — „אוי וויי״, כאטש שריי חי־וקים!

יא, א פאלק ככל הגוים צו זיין!
פון אלע עיקרים ס׳איז דער סאמע עיקר:
אין איין האנט די שווערד, אין צווייטער די פלאש
און דאצווישן — אינם רינשטאק טויט־שיכור.

* * *

קומט א יידענע פון מארק צולויפן,
מיט א פרייד אין אירע פארוויינטע אייגן:
„א פאגראם! ס׳וועט קיין מלחמה נישט זיין;
מיט יידיש בלוט די גוים זיך אנזויגן!״

קומט א סאטמארער אין „שטיבל״ אריין:
„יידן, מ׳וועט קיין אטאם־באמבעס נישט דארפן.
פון ירושלים די ציוניסטן
אויף צוויי שפענדלעך דארט מ׳וועט זיי ארויסווארפן!״

און ער לויפט א פלינקער צו עמוד צו,
און ער הייבט אן תהלים הויך צו זאגן,
און דאס גאנצע סאטמארער שטיבל ווערט
אנגעפילט מיט געיאמער און מיט קלאגן.

°   °   °

אז אך און אז ווי צו אונז און צו זיי,
צום גוי און צום ייד, ווי ווייט מ'איז דערגאנגען:
דריי שריט פארויס און דריי שריט צוריק און
פארטגעשריטענע וועלט שטייט ווי געשטאנען.

מילא, הרגענען זעקס מיליאן יידן,
אבער עס אפלייקענען איצטער גאר?
ס'פאסט נישט פאר דער גערמאנישער ראסע
וואס איז דער לויטערער אמת און וואר.

מילא, באגראבן לעבעדיק מענטשן,
ווער קאן וויסן? מסתם אזא מין ספארט!
אבער קומען אצינד אפלייקענען?
פע, אזוינס מיטן שטאלצן גערמאן זיך פארט?!

ס'ווערט דיר שוין גארנישט העלפן, גערמאניע,
אלע וויסן שוין ווער און וואס דו ביסט;
געוועזן אלע דיינע דור־דורות
א תאוה־פארשכורטער מאזאכיסט.

דו שפירסט דיך שוין צוריק ביי די כוחות?
און צו מארדן דיר זיך ווידער גלוסט?!
מילא, הרגעט אייך אויס איינס ס'אנדערע,
אויב די תאוה דיר נאכגעבן דו מוזט.

ב. שלעווין

## אין די טריט-שפורן פון אברהם גאלאמב

דער זשורנאל „חשבון“, וואס דערשיינט אין לאס־אנדזשעלעס האט ארויסגעגעבן א סעפאראט־אפדרוק פון אברהם גאלאמבס אן עסיי „אלגע־מיינע אידייען וועגן יידישקייט“, לכבוד דעם 85־טן געבוירנטאג פון אברהם גאלאמב שליט״א. איז עס אן עסיי צום שטודירן, א מין קווערשניט פון אברהם גאלאמבס גאנצן געדאנקען־גאנג אין פיל פון זיינע ביכער, גיכער־ספרים מלא וגדש מיט תורה און וויסנשאפט, אפגעגעבן דעם גרעסטן טייל פון זיין רייך, שעפעריש לעבן דער פעדאגאגיע, דערציען יידישע תלמידים און לערער, מאכט גאלאמב די לעצטע יארן כסדר א חשבון הנפש פון אונזער ביסל יידישער גייסטיקייט און — מיט זיך אליין. ער האט דא



אין דארט זייער פיל אנהענגער, געטריי פערערער תלמידים, און נישט ווייניקער — קעגנער, וואס באציען זיך מיט נישט ווייניק מיטפילדיקן ביטול צו זיין צוריקרוף צו די הייכע מאראלישע ווערטן פון אינזער שטעטל־ציוויליזאציע אין א וועלט פון אלץ־פארדארבנדיקן אורבאניזם.

אין זיין סך הכל גרייכט א. גאלאמב זייער ווייט, אזש צו אונזער פרעהיסטאריע, ביז צו אונזערע טעג, מיט זיין טיפן אנאליטישן אריינ־דרינג. געוויסע וואגיקע ארגומענטן זיינע לייגן זיך אויפן שכל, באגרינ־דעטע, טיף־דורכגעטראכטע, דער עיקר — זיין רעדן צום געמיט און הארץ פון מענטשן, וואס טראגן נאך אליין אויף זייערע אקסלען די גאנצע יידיש־ציוויליע ביי די סלאווישע טייכן.

איז אינטערעסאנט צו מאכן א קורצן שפאציר־גאנג איבערן דאזיקן תוכיקן עסיי, צו פארצייכענען דאס אננעמבארע אינעם רעזאנירן פון גרויסן דענקער, אין זיין פילאזאפירן, איבער אונזער לאנגען, אלטן געשיכטלעכן גאנג; און דאס ווייניקער אננעמבארע, לויט אונזער באשיידענער מיינונג, וואס איז גיכער א ווונטש ווי א רעאליטעט.

די וויכטיקסטע הנחה פון א. גאלאמב: „פון דער תלמוד־תקופה אן האבן יידן געלעבט צווישן פעלקער, אבער אין פארזיכיקע שטעטלעך. איצט זענען קיין שטעטלעך מער נישטא. עס הייבט זיך אן די תקופה פון אור־באניזם“. עס איז פארשווונדן—שרייבט ער—„דער שבט פון עם־הארצים— דער יסוד פון קיום האומה. דער פאלקישער טראדיציאנעלער שטייגער. ער איז דער יסוד פון קיום. פאלקישער שטייגער איז די תורה שבעל פה פון יעדער תקופה . . די נייע ישובים האבן נישט אזא עם־הארצישן שיכט. דערפאר איז די סכנה גרעסער“.

דער אמאליקער „פאלקיזם“ איז בפירוש אין גייסט פון „גאלאמביזם“. דאס איז זיין גאנג אין לעבן, טראגנדיק וויסן אין פאלק אריין און לערנענ־דיק פונעם פאלק גופא. דאס איז אויך געווען דער גייסט פון „גיין אין פאלק אריין“ אין פאריקן יארהונדערט, אין רוסלאנד. דאס רופט זיך אויך איבער מיט די גרויסע ווערק פון אונזערע יידישע שרייבער, די יורשים פון יענעם דור—ש. אנסקי, שלום אש, זלמן שניאור און פיל אנדערע, וואס האבן אין זייערע ווערק גלאריפיצירט דעם געזונטן פאלקס־גייסט פון עם־הארץ, צוריקקערנדיק זיך צום פאלקס־גייסט אין אונזער יידיש לעבן דעם חסידיזם, וואס איז געווען א בונט קעגן דער גבירהאקראטיע און דער הערשאפט פון די קהלשע קאכלעפל. דאס איז אונזער אלעמענס נאס־טאלגיע צום אונטערגעגאנגענעם מזרח־אייראפעאישן שטעטל־יידנטום. אין דער געשיכטע איז אבער שווער עפעס צוריקצוכאפן. אונזער צעזייט און צעשפרייט יידיש לעבן איז אין אפגייענדיקן יארהונדערט א פראדוקט פון כסדרדיקער קאטאסטראפעס, צעשטויבטע עמיגראציעס, וועלט־קאטאקליז־מען. אין אנבליק פון דעם געשיכטלעכן גאנג אונזערן, איז אונזער גאנצער וועלטלעכער קולטור־קאמף דערפירט געווארן צום ראנד פון אויפלייזונג.

און נאר איינציקע, עקשנים, ווילן זיך נישט אונטערגעבן און לעבן נאך אלץ מיט דער נאסטאלגיע פון פארגאנגענעם. און דאס רעליגיעזע יידנטום — צי איז עס בכוח אויפצוהאלטן אונזער פאלקישן שטייגער, אונזערע אנגעזאמלטע קולטור־אוצרות? ווייל מען שרייבט עס צו, אז נאר א דאנק זיי האבן מיר זיך אויפגעהאלטן אין אונזער לאנגן גלות. אבער אברהם גאלאמב דעפינירט אויף אן אנדער אופן יידישע רעליגיאזיטעטן, שטעלט זיך אין שארפער סתירה און ווידערשפרוך צו דער ארטאדאקסיש־אנגענומענער אויפפאסונג, און זייער פארגליווערטער דאגמאטישקייט.

„בכלל—זאגט גאלאמב—איז די יידישע רעליגיע נישט קיין גאט־רעליגיע, נייערט זי איז א פאלקס־רעליגיע. אלעמאל און כסדר האט די יידישע רעליגיע געזארגט פארן קיום פון פאלק, כמעט גארנישט דערציילט וועגן מהות פון גאט. די יידישע רעליגיע האט זיך אנטוויקלט מיטן פאלק און זי קען נישט זיין סטאטיש״.

אברהם גאלאמב וואַרפט אפ דעם פארגליווערטן דאגמאטיזם, פונקט ווי די רעפארמער פון אלע מדרגות, וועלכע פירן אייגנטלעך צו אסימילאציע און צום פארשווינדן פון אונזער פאלקישקייט, ווען ער שטעלט פעסט:

„א גאט־רעליגיע (ווי ביי די פעלקער) קען מען בייטן און בלייבן אין דער זעלבער קולטור. א פאלקס־רעליגיע (ווי די יידישע) קען מען נישט בייטן, סיידן מען בייט דאס פאלק״. . „די יידישע רעליגיע איז אבער ארגאניש פארבונדן מיט דער קולטור פון פאלק״.

דערפון איז לייכט צו דרינגען—לויט גאלאמבן—אז מען קען נישט זיין א ייד אין א פרעמד לשון, אין א פרעמדער קולטור, אפילו ווען מ׳איז אן אנגעהעריקער צום „מאזאישן גלויבן״. די געשיכטע האט אונז צוגעשטעלט א סך ביישפילן פון אזא קאלטער יידישקייט, וואס איז ביסלעכווייז אפגעשטארבן און איז סוף כל סוף פארשוואונדן, צוזאמען מיט די יידן.

דערמיט דריקן מיר אויס אונזער פולשטענדיקע איינשטימיקייט מיט אברהם גאלאמבס געדאנקען־גאנג.

ש י ע   ט ע נ ע נ ב ו י ם

(ספעציעל פאר לשון און לעבן)

## צום פאעט א. מ. ליטווין

אייער אנטאלאגיע פון דער פראנצויזישער פאעזיע ליגט תמיד נעבן מיין אייזערן בעט, ווי עפעס א הייליק ספר. יעדע נאכט טו איך שטילערהייט דערין א מיש. איך כאפ ארויס א צאפלדיק ליד, וואס איז „ארעסטירט״ געווארן דורכן „אכזריותדיקן״ פאעט אין אן אייביקן איינפאס פון פארם. איך לייען אדורך א סאנעט פון שארל באדלער, און וועמענס קאלט־געשלאסענער פארם, ווי אין קרישטאליקן אייז, עס איז



פיקסירט געווארן דער גוססדיקער אטעם פונעם דיכטער, ווי דאס ווייטע אין טיפע לויכטן פון א שטערן אין דעם ארקטישן חושך. איך מאַפּ טייל־מאָל אן באדלערס א סאנעט, א וואונד, וואס בליטיקט רויט־און־פייערדיק ווי א רובין. עס בלייבט שטיין אויף מיינע פינגער דאס גאלד־און־אש פון דיכטערס זעל, ווי דער בראנדז פונעם שטארבנדיקן שמעטערלינגס גרויסע און אומגעוואנדלט שיינע פליגל אין די לעצטע טעג פון הארבסט..

אבער איך פארמאך דאס בוך צוריק מיט א קוש, ווי מיין מאמע פלעגט פארמאכן דאס געלע טייטש־חומש נאכן נייענען ויינע פרומע קאַפיטלעך שבת אין דעם זומערדיקן סאד, ווען די פייגל זאגן תהלים. ווייל, פשוט גערעדט, איך פארגין זיך עס גארנישט צו לייענען. איך דערשרעק זיך אפילו פארן בלויז געדאנק, אז דאס בוך וועט זיך ווען עס איז אמאל ענדיקן פאר מיינע הונגעריקע אויגן. אייער אנטאליע ריידט פיזיש אן יהואשס יידישן תנ״ך, און עס ליגט אויך נעבן מיין מאמעס הייליקן, אין מיט טויזנטער קושן אירע אויסגעדינטן תהלימל, וואס איז דערשינען אין ווארשע, אין יאר 1888, און און וועמענס געלע בלעטלעך קרישלען און ברעכן זיך ווי די ביינער פון איר סקעלעט אין דעם ברוקלינעם קבר . . .

ש מ ו א ל   מ א ל ץ

## דער קאנצערט פון סעם גאלדבערג

זונטיק, דעם 3טן יולי, איז אין קאמיוניטי צענטער אויף 89סטע גאס אין מאנהעטן, פארגעקומען דער יערלעכער קאנצערט פון דעם וואנדערנדיקן טראבאדור סעם גאלדבערג.

כאטש עס איז געווען א יום־טובדיקע, סוף־וואך, ווען אסך מענטשן צעפארן זיך אויפן 4טן יולי, פון ד׳עסטוועגן איז געקומען א גרויסער עולם בייוואוינען דעם קאנצערט.

א חוץ א גרעסערע צאל אקטיארן, וואס זיינען געקומען בייוואוינען דעם קאנצערט, האבן אנדערע פערזענלעכקייטן פון דער יידישער בינע אויך אנטייל גענומען אין פראגראם.

דער וועטעראן פון דער יידישער בינע, דזשייקאב דזשייקאבס, האט מיט זיינע טעאטער־לידער ארויסגערופן א נאסטאלגיע ביי דעם עולם. ווי אלעמאל האט הערשל גענדל אויפגעהייטערט דעם עולם מיט זיינע הומאריסטישע סקיצן, וואס ער האט פארגעבראכט.

די זינגערין, רחל רעליס, האט געגעבן א זייער פיינעם אויסטייטש פון די לידער, וואס זי האט געזונגען. פאולא קאדימאן איז געווען די פיאניסטין.

א גרויסע אטראקציע אויפן פראגראם איז געווען די לירישע סאפראנא, לאה שינדעראווסקי, אקאמפאנירט פון איר מאן, אלבערט. ביידע נאר־וואס

געקומענע פון סאוויעטן פארבאנד אוןביידע זיינען טאלאנטירטע מוזיקער. לאה שינדעראווסקי האט זייער אויסגענומען מיט איר זינגען יידישע און רוסישע לידער.

מאניע גענדל האט זיך געשאפן א גוטן נאמען אלס זינגערין. זי האט געגעבן א פיינעם אויסוואל פון לידער.

אין פראגראם זיינען אויך אויפגעטראטן: זלמן עפשטיין, ערשט געקומען פון רוסלאנד, אן ארטיסט פון מיכאעלס סעאטער־סטודיע; און דער פאלקס־רעציטאטער, מאקס ניסענבאום, וועלכער צייכנט זיך אלעמאל אויס מיט רעציטירן אליעזער שטיינבארגס משלים.

די הויפט־טרייבקראפט איז אבער סעם גאלדבערג אליין, וועלכער זינגט און רעציטירט, פארפאסט אליין מוזיק און איז דער „מאסטער אוו צערעמאניעס". מיט איין ווארט, ער איז דער טרובאדור. ער דערמאנט אין די אקטיארן, וועלכע האבן ארומגעוואנדערט אין די יידישע שטעטלעך אין פאר־מלחמהדיקן פוילן און מ'האט אים ווי אזעלכן אויפגענומען ביי דעם קאנצערט. אט אזוי וואנדערט סעם גאלדבערג זיין גאנץ לעבן אין די פארשידענע יידישע שטעט און אומעטום נעמט מען אים גוט אויף. אויך אזוי איז געשען מיט זיין איצטיקן קאנצערט: „לאך, ישראל, לאך!"

הערי אריעל

## דער זילבענער יובילעום

מיר לעבן אין היסטארישע צייטן. אלע ווייסן אז עס איז דער זילבערנער יובילעום פון די קעניגן עליזאבעט די צווייטע, אבער נישט אלע ווייסן אז עס איז מיין „זילבערנע חתונה" מיטן יידישן טעאטער אין לאנדאן . . .

שוין 25 יאר ווי איך בין אנפירער, פיעסן־שרייבער, רעזשיסער און שוישפילער פון דער לאנדאנער יידישער חברים טרופע.

אזוי ווי עס וואלט געווען נישט באשיידן צו זינגען אונזערע אייגענע לויב־געזאנגען, לייג איך ביי א גענויע איבערזעצונג פון א רעצענזיע געשריבן פון ארטור סאנדערלאנד, דער רעדאקטאר פון דער „דזשויש גאזעט" אין מאנשעסטער, וועגן די לעצטע פארשטעלונג פון דעם איצטיקן סעזאן.

* * *

„דאס עפעלע פאלט נישט ווייט פון דעם בוים." דער סימבאל פון פראפעסיאנאליזם, פערפעקטן שוישפיל און בינע־פערזענליכקייט פון אנא צעלניקער, די טאכטער פון דעם פילם, בינע און טעלעוויזיע סטאר מאיר צעלניקער, האט סטימולירט די לאנדאנער יידישע אקטיארן צו געבן א פערפעקטע פארשטעלונג „א ווייבל מיט שכל", אין טעאטער פון דעם „פרי טרעיד האל" אין מאנשעסטער. זי האט אינספירירט די אויסגעצייכנטע לאנדאנער טרופע צו דערהייבן זייער סטאנדארט א סך העכער ווי אין



אלע פארשטעלונגען פון די לעצטע 18 יאר און געלאזט דעם עולם באגייסטערט און אמוזירט.

אין איר וואונדערבארע אינטערפרעטאציע פון אסתר, וועלכע פירט קיין אמעריקא חתונה צו האבן מיט איר מאמע'ס קוזין, יענקל, געשפילט פון הערי אריעל, וועלכער האט אויך רעזשיסירט די מוזיקאלישע קאמעדיע. אבער זי איז אין דער אמת'ן פארליבט אין זיין זוהן, מייק, גלענצנד געשפילט דורך בערנארד מענדעלאוויטש, האט אנא ארויסגעבראכט מעלות פון איר טעאטער טעכניק צו באגייסטערן דאס פובליקום און ארויסצורופן שטורמישע אפלאדיסמענטן. הערי אריעל האט זיך דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה אין זיין ראלע אלס יעקל גאנז און לעאן בלומענזאן אלס יעקל'ס חבר, אהרון, האט מיט זיין פערזענליכקייט פשוט געשטראלט פון דער בינע ביי יעדן אויפטריט. די יונגע אקטריסע, אדעלע גאטליב, איז געווען זער גלויבליך אין איר ראלע אלס יעקל'ס טאכטער, דזשין, איר האלטונג און רעאקציע צו די סצענעס פון די אנדערע הויפט־ראליסטן, האט געוויזן פארשטענדליכקייט און צוזאג פאר איר צוקומפטיקע טעאטער קאריערע, מרים קאראלאווא, אלס רייזל (אסתר'ס מאמע) האט געשפילט מיט אנגענעמען טעמפעראמענט. נאך א נייע יונגע אקטריסע, רעבעקא בערנשטיין, האט באוויזן אז זי האט טאלענט וואס איז ווערט צו ענטוויקלען. בערנארד מענדעלאוויטש'ס פארנעם אלס אקטיאר, פונקט ווי זיין שטימע צו זינגען, ווערט שטארקער מיט יעדן יאר וואס גייט פארביי. א חוץ דעם וואס ער איז געווען אזוי איבערצייגנד אין זיין ראלע, האט ער אין דעם דועט מיט אנא צעלניקער — וועלכע זינגט אויך זער שיין — דערהויבן דעם קוואליטעט א סך העכער ווי אלץ וואס מיר האבן געהערט אין די פארגאנגענע יארן. דער מוזיקאלישער דירעקטאר איז געווען אנא צעלניקער'ס מאן, פיל בערנשטיין, וועלכער האט אויף זיין פידל אקאמפאנירט די פיאניסטן, ריקי בארנארד, און צוזאמען געגעבן אן'עפעקטפולע מוזיקאלישע באגלייטונג.

נאך דער פארשטעלונג האט אנא צעלניקער באגריסט די ארבעט פון הערי אריעל און געזאגט אז ער איז דער זייל אויף וועלכן עס האלט זיך דאס יידישע טעאטער אין ענגלאנד."

* * *

וואס קאן מען שוין צוגעבן נאך אזעלכע ווערטער פון א פראפעסיאנעלן רעצענזענט? דאס אליין וואס דאס לאנדאנער יידישע טעאטער שפילט יעדן שבת און זונטאג, פון אקטאבער ביז ענדע יוני, איז אן'אויפטו מיט וועלכן מיר קאנען שטאלצירן, ווייל דורך אונזערע פארשטעלונגען ווערט געזאמלט געלט פאר פארשיידענע וואהלטעטיקע צוועקן און טויזנטער יידן זיינען זיך מחיה מיט א יידיש ווארט און ליד. אזוי לאנג ווי מיר, דער לעצטער מנין פון יידישע אקטיארן אין ענגלאנד וועלן לעבן, וועט דער פלאם וואס פארבינדט אונז מיט אונזער פארגאנגענהייט נישט פארלאשן ווערן.

אייזיק גאלדבערג

## — וועגן די „פרעגטשיפס-קלאבס" —

מיר האבן אין לאנדאן א גרויסע צאל „פרענטשיפס־קלאבס". פאר עלטערע מענטשן, (איך מיין דא ספעציעל די יידישע קלובס), וועלכע ווערן אנגעפירט פון די „פרויען ארגאניזאציע און יונייטעד סינאגאג", און אנדערע, מיט א פארצווייגטע געזעלשאפטלעכע טעטיקייט, וואו עס זיינען פאראנען מעגלעכקייטן פאר עלטערע מענטשן זיך צוזאמענצוטרעפן כמעט טעגלעך, פארברענגען צווישן זיך, א.א.וו.

אחוץ דעם ווערט אויך אנגעפירט א טעטיקייט אויף פארשידענע געביטן, ווי לייכטע רעפעראטן, ספארט, אונטערהאלטונג, פאפולערע קאנצערטן, מערסטנטייל אין ענגליש, אפטמאל אויך אין יידיש, דאס יאר האט די ארגאניזאציע זיך פארנומען מיט א זער וויכטיקע גייסטיקע ארבעט. זיי האבן אויספראבירט פארשידענע עלטערע־טאלאנטן פון די קלובס. וועלכע האבן זיך אויסגעצייכנט אויף מוזיקאלישע ליטערארישע געביטן. און די וואס האבן געוואונען ביי די קאמפאטיציעס האבן זיך באטייליקט אין דעם אלגעמיינעם „אונטערהאלטונגס־קאנצערט", וואס איז פארגעקומען דעם 12טן מאי 1977, אין וואבורן הויז. אין דעם פראגראם האבן זיך באטייליקט אן ערך פון דרייסיק פון פארשידענע קלובס.

ספעציעלע מבינים זענען געווען צווישן זיי, אויך די באוווסטע, פילם־שוישפילערין, מיריאם קארלא, וואס האט מיטגעשפילט ביי „פידלער אן דע ראוו", אויך דער מעיאר און אנדערע אנגעזעענע געסט זענען געווען.

אן ערך פון דריי הונדערט אנוועזנדע האבן באגייסטערט דעם קאנצערט, וועלכער האט באגייסטערט דעם עולם.

וויכטיק איז נאך ווערט דא צו דערמאנען, אז צווישן די געווינערס פון די קאנצערט־באטייליקטע, זענען געווען דריי וואס באטייליקן זיך ביי די „ליטערארישע שבת נאכמיטאגס".

אין — באמאנט קארט — סטעפנעי.
— דאס זענען,
— פריי עלא זילבערג (דזשאנסאן), פון בריקסטן־קלוב,
— אייזיק גאלדבערג, פון באמאנט־קלוב, סטעפנעי,
— איזי עדעלבערג, פון דין־סטריט קלאב.

עס איז וויכטיק צו באמערקן, אז די פרויען מרס. עדנא האללע, און מרס. בערטא פישמאן, וועלכע פירן אן מיט דעם „באמאנט פריינטשיפ־קלאב", סטעפנעי, זענען געווען פאראינטערעסירט אויך צו שיקן א דעלעגאט צו דער קאמפאטיציע.

עס איז צו באגריסן די זער וויכטיקע טעטיקייט פון די פרויען ארגאניזאציע, אנגעפירט פון מרס. פאמעלא פישער, יונייטעט סינאגאגס, און



בני־ברית. באזונדערס איז צו באוואונדערן די מיפולע ארבעט און פשוט מאמישע איבערגעבנהייט פון די פרויען וועלכע פירן אן מיט די איינצעלנע קלובס, וועלכע העלפן אזוי ארום די עלטערע מענטשן צו פארטרייבן דעם אומעט און איינזאמקייט, וואס פרעסט אזוי אפט דאס געמיט אויף די עלטערע יארן . . .

נעך רובין

## אויף קבר - אבות

עס איז שוין אן אלטע טראדיציע ביי אונז יידן צו גיין אויף קבר־אבות אין חודש אלול אדער אין די עשרת ימי־תשובה צווישן די ימים־נוראים. מען דערמאנט זיך דעמלט, ווי דער מנהג איז, אין טאטע־מאמע צי אין נאנטסטע קרובים און מען גייט ארויס אויפן בית־עולם כאטש איין מאל אין יאר.

איז מען דארטן, זאגט מען די תפילות פון מענה־לשון און מען לאזט אפילו מאכן אן „קל מלא רחמים", אזוי, אז מען גייט שוין אוועק פון אט אזא „באזוך" מיט עפעס א געפיל פון צופרידנקייט, הגם מען פילט זיך דאך אביסל מרה־שחורהדיק אין דער זעלביקער צייט.

אבער דאך נישט פארגעסן די געשטארבענע, און אפגעגעבן זיי — טאטע־מאמע, נאענטסטע קרובים — דעם געהעריקן כבוד־המת!

ביי אט אזא געלעגנהייט דערמאנט מען זיך אויך אין חברים און פריינט, וואס זענען אוועק שוין פון אונז אויף אייביק, און מיט וועמען מיר פלעגן זיין אזוי נאנט, אזוי אינטים. האט מען אויך שוין אין זינען אפצוטרעטן ביי זייערע קרובים. פון זייערע מצבות, אויב מען האט זיי געשטעלט אזעלכע, לייענט מען פאר זיך אראפ די נעמען זייערע, די דאטעס ווען געבוירן און ווען געשטארבן; אין אמאל נאך געוויסע פזמונים און שבחים. דעם דערמאנט מען אלס דיכטער און יענעם אלס א פראזאאיקער און ווי זיי האבן זיך באטייליקט במשך פון יארן אין „לשון און לעבן" — דעם זשורנאל פאר קונסט און ליטעראטור און געזעלשאפטלעכע ענינים. איז דאך אמאל זייער צאל געווען היפש גרויס, א קיימא־לן פון א פיר אין צוואנציק, פינף און צוואנציק אזעלכע מיטארבעטער.

כבוד זייער אנדענק!

צום באדויערן, האט איינער פון זיי נישט געהאט דאס „מזל", אז מען זאל אים, אויף זיין קבר, שטעלן א מצבה . . . געלט האט נישט געפעלט, וויל נאך משה עובדן האט שמואל וואהייט דאך געגאלטן אין אונזער ישוב פארן צווייטן גביר־פאעט!

שמואל וואהייט ז"ל, איז אליין געווען נישט בלויז א באגאבטער דיכטער, נאר אויך א נישקשהדיקער מעצענאט, מיט אן אייגן גרויס הויז — א הויז פון קולטור, קען מען זאגן — וואו שרייבער־געסט פון די אייראפעישע

לענדער האט ער אויפגענומען בכבוד גדול און זיי פארהאלפן צו פארשפרייטן זייערע שריפטן דא אין מלכות ענגלאנד צווישן ליבהאבער פון קינסטלערישן יידישן ווארט געסט ביי אים פלעגן אויך זיין יידישע בינע־קינסטלער, וואס זענען אהערגעקומען אויף גאסטראלן. פון צייט צו צייט פלעגט ער אפילו פאראנשטאלטן ביי זיך אין הויז באנקעטן פאר זער חשובע געסט אזעלכע. נישט איינער אזעלכער איז פונדאנען אוועקגעפארן מיט א מנה יפה פון אים, טאקע פון זיין אייגענער טאש ארויס ווי א מתן־בסתר, אננעמענדיק פון יענעם א בוך.

יידישע שרייבער, וואס זענען דא געווארן לאנדאנער תושבים, האט ער קיינמאל נישט פארנאכלעסיקט, נאר געשטיצט אפטמאל מיט גרעסערע סומעס געלט, כדי זיי זאלן זיין אימשטאנד ארויסצוגעבן זייערע ווערק.

אט דער ליבער מענטש און חבר אונזערער, שמואל וואהייט ז״ל, איז פון אונז אוועק אין דער אייביקייט מיט אן ערך זיבן יאר צוריק — אין סעפטעמבער, 1970, איבערלאזנדיק זיין הויז און פארמעגן דער פרוי זיינער, אסתר. מיט איר פונקט ווי מיט אים זענען מיר, איך פערזענלעך און מיין פרוי, געוועזן אינטימע פריינט. האבן מיר טאקע כסדר ווי געמאנט ביי איר, אז זי זאל אים צוטיילן דעם לעצטן כבוד, מיט שטעלן אים א געהעריקע מצבה.

נישט־לאנג נאך זיין פטירה איז זי אויך געשטארבן. איר קערפער האט מען געלאזט פארברענען אין א קרעמאטאריום און די גאנצע ירושה איז איבערגעגאנגען צו איר טאכטער און איניקל: ממש א גרויס פארמעגן.

הגם ר׳האט זיך כשר פארדינט און אפילו פאר זיין אייגן געלט צו האבן אויף זיין קבר די געהעריקע מצבה, אבער „מזל״ דערצו האט אים, ליידער, געפעלט. זאלן זשע אט די שורות דינען במקום מצבה.

זכרונו לברכה! תהא נפשו צרורה בצרור החיים!

## ביים כנרת שטייט א יתום

פון שמואל וואהייט

ביים כנרת שטייט א יתום,
מיט די אויגן צום הימל געווענדט.
ער באווינט זיין טאטע־מאמע,
אין קאלכאויוון זיי פארברענט.

פון צער זיינע טרערן
פאלן אין כנרת אריין;
רוישט דער כנרת שטורמדיקער,
ווי ער וואלט דערפילט יתומס פיין.



ביסט צו אונז אהיימגעקומען,
רוישן פאלמען אים א טרייסט,
די מאמע ערד וועט דיר צערטלען,
דא ווערן וועסטו דערלייזט.

ביים כנרת שטייט א יתום,
באשטראלט מיט העלן זונענליכט;
דערהערט דעם רויש פון די פאלמען,
שפילט א שמייכל אויף זיין געזיכט.

ביים כנרת שטייט א יתום,
מיט די אויגן צום הימל געווענדט:
ער באווינט זיין טאטע־מאמע,
אין קאלאכויוון זיי פארברענט!

הערי פאצאנאווסקי

## עס גלאצן די שטערן

יעדערער שטערן שיינט ווי א ברילִיאנט,
זאגן יידן תפילות
ביי דער מערב־וואנט.
א קופקע פון זיי
זענען מחדש די לבנה
און דאנקען ג־אט, וואס האט געגעבן
דער וועלט אזא שיינע מתנה;
א מתנה, וואס איז
פאר אלע גלייך,
ארעם אדער רייך.
„שלום עליכם,
עליכם־שלום״
טוט איין ייד צום צווייטן זאגן.
זיי האבן נישט קיין פחד,
אז עס וועט קומען כוליגאנעס,
מיט נאגייקעס זייערע קעפ שלאגן.
אן אייגן לאנד,
אן אייגן שטיקל ערד,
אן אייגענער צה״ל, וואס האט
מער ווי די גאנצע וועלט גאלד די ווערט.

דדד בערמאן

## שלאָף, מיין קיבוץ - יינגעלע!

לי־לי, לי־לי, לי־לי־לי, לי־לי, לי־לי, לי־לילי —
שלאָף, מיין יינגעלע; שלאָף, מיין קינדעלע!
דער שומר קומט מיט זיין ליכטעלע
אין קיבוץ — אַ ליכטיק וויגן־לידעלע
צו מיין יינגעלע. שלאָף, מיין זונדעלע!

לי־לי, לי־לי, לי־לי־לי, לי־לי, לי־לי, לי־לילי —
אין קיבוץ שלאָפן אַלע קליינע קינדערלעך,
די פייגעלעך אויך און די הינדערלעך —
די שעפסן שלאָפן ווי זייערע לעמעלעך,
און די ווייסע קי מיט זייערע קעלבעלעך —

לי־לי, לי־לי, לי־לי־לי, לי־לי, לי־לי, לי־לילי —
שלאָף, מיין יידעלע, שלאָף, מיין קינדעלע!
דער שומר איז דאָ מיט זיין ליכטעלע —
די נאַכט איז אַזוי שיין מיט אַ זילבערן לבנהלע;
זי שיינט אויף דיר, מיין קליין יינגעלע.

ווען דו וועסט ווערן גרויס, מיין טייערע זונדעלע,
וועסטו אויך זיין אַ שומר מיט אַ ליכטעלע —
ביינאַכט אין קיבוץ זען, אַז אַלץ איז זיכער.
אַ גבור וועסטו זיין, און דעמלט קומט שלום גיכער —
לי־לי, לי־לי, סאַבראַ־לי, לי־לי־לי־לי, ישראלי.

עלא זילבערג

## מיין זומער פייגאַלע איז טויט . . .

לאה׳לע ז״ל

1

מיין זומער פייגעלע,
איז טויט,
די פליגאַלעך פאַרפראָרן
אַזוי יונג און שיין,
דאָס לעבן אַנגעוואָרן,
דער בייזער ווינט,



צעבראָכן אירע גלידער,
מיין זומער פייגעלע,
איז טויט,
און ווערט ניט קומען ווידער.

מיין זומער פייגעלע,
איז טויט,
פאַראומעט שטייט דער גאָרטן,
די בלומאַלעך פאַרוויינט,
ניטאָ מער וואָס צו וואַרטן,
זי ווערט ניט שוועבן מער,
באַצויבערן די בלומען,
מיין זומער פייגעלע,
איז טויט,
זי ווערט צוריק ניט קומען.

2

מיין זומערפייגעלע
איז טויט,
פאַראומעט שטייט דער גאָרטן,
די בלומאַלעך פאַרוויינט,
ניטאָ מער וואָס צו וואַרטן,

זי ווערט ניט שוועבן מער.
באַצויבערן די בלומען,
מיין זומערפייגעלע
איז טויט,
זי ווערט צוריק ניט קומען.

ייזשאַרדזש מאַקקעי בראַון

## דער מאַטראַז, די זקנה און דאָס מיידל

„האָסט אפשר אַ הילף“, רופט אַ מאַטראַז,
און ראַנגלט זיך צום ברעג צו דערגיין,
„כישוף צי קרייטעכץ מיר צו היילן
אין זייט מיינער אָט די נייע פּיין?“

עס זאַמלט שלימאַקעס די אַלטע זקנה
און בייז הויבט קאָפּ אויף מיט צעגער.

„בעסטע רפואה צו אט־א דער פיין
איז צו נעמען זי צו דיין געלעגער.

איבּ וואך־הינט טון וואיען, ז׳דא צוויי ערטער
פאר סוף צו פייניקונג דיינער —
ביר־שענק דארטן מיט לאמפ און מיט פאס,
בית־הקברות מיט זיינע שטיינער.

אדער נוצן גאר שווארצן ווארעם פון מוח.
טראכט ווען נאר דיר זי טוליעט זיך בלויז,
און חנען און רייצן אלע דלילהס,
יא, זיך אנטפלעקן ממש ווי רויז.

פאר אויגן די דיינע, האלז און מויל,
אז דאס ליג איך עס און ס׳איז גאר מיין דופט,
פארצייטיק־געליבטע און נאקעט ווי דארן
אין קאלט־ווייסן א ווינטערס לופט.״

געזונגען האט ס׳מיידל אויף אנדערן ברעג
און ער מיט די וויאסלעס געקעמפט איינער אליין,
און געדרונגען זענען פינגער דער אלטער זקנהס
ווי ווארצלען דורך גראען געשטיין.

פון ענגליש איבערזעצט,
**א. אלמוג**

א. סלאנימסקי

## די עלעגיע פון די יידישע שטעטלאך

ס׳זענען שוין ניט דא, ניט דא מער די פויליש־יידישע שטעטלאך,
קארטשעוו, בראד, טשענסשכאוו, מאלעניץ, ניט דא די פרייטאגצונאכט
ליכטלאך,
די טרויריק־מעלאנכאלישע יום כיפור תפילות די טייכישע תשליך,
די הארציק־טרויריקע נגינות פון ייִנגלעך אין די האלצערנע שילעז,

פארשווינדן שבת־יומטובדיקע זיידענע קאפאטעס און טליתים,
די קליינע היזקעס געמאלן ווייס־בלאָע,



ווי נאך א עפידעמיע, אדער ימים־נוראים,
מיט זאמד דאס בלוט פארשיט, קיין שום חשד פון מתים.

סע שיינט דא א קאלטע לבנה, גלייכגילטיק, בלאס, פרעמד,
אונטערן שטעטל אויפן שאסיי, ווען די שטילע נאכט צופלעמט.
א, מיין יידישע משפחה, יידישע ייִנגלעך מיט פאעטישע ניגונגען,
ניט זען מער די צוויי גינגאלדענע לבנה פון שאגאלען.

די לבנות פון אמאל שפאצירן זיך אויף א גאר אנדערן פלאנעט!
זיי זענען אוועקגעפלויגן דערשראקן שווייגענדיק און טרויריק,
ניט דא מער די שטעטלעך ווו א שוסטער איז געווען א פאעט,
א זייגערמאכער א פילאזאף, א פריזיער א טרובודואר,

ניט דא די שטעטלאך, ווו תנכישע און תהילים נגינות.
שפאצירן פריי מיטן פוילישן ווינד און יידישן קרבן,
ווו יידישע זקנים אונטערן שטן פון קארשן־ביימער
אין די אונטער שטעטלדיקע סעדער האבן באוויינט ירושלים חורבן.

ניט דא מער די הארציקע יידישע שטעטלאך פארשווונדן מיטן שטן,
אט דער שטן וועט א מאל קומען צווישן די שורות און ספרים,
איידער זיי וועלן זיך דערנענטערן צוזאמען דורך בלוטן,
אזוי ווי פעלקער וואס האבן זיך גענערט און געבלוטיקט אויף די ערד.

ייִדיש: **מ. דאמב**

אסתר ערליכמאן

## ב י י נ ק ש א פ ט

„אי אומעטיג, אי לאנגווייליג,
ביטא ווען דערלאנגען די האנט,
ווען דאס הארץ פאר בייינקשאפט נעמט גליען,
וואס טויג צו בייינקען אומזיסט נאך אנאנד —
ווען די יארן די בעסטע צופליען.״

אזוי האט געזונגען דער רוסישער דיכטער,
לערמאנטאוו, אין איינע פון זיינע לידער,
און היינט דערמאן איך זיך ווען איך בין געווען,
גאר יונג זיינען מיר געווען פארבאטן צו לייענען,

אט דעם פעסימיסטישן דיכטער אויס מורא
אז איך וועל ניט קענען פריילאך זיין,
היינט אבער אויף דער עלטער ווען עס איז
פאראן אזוי פיל נאך וואס, און נאך ווען
צו בייבקען, איז שוין ניטא קיין געפאר!

איך האב געהאט, וואונדערליכע עלטערן,
שוועסטער פינף, און ברידער דריי, און געבליבן
אליין . . . און די בייבקשאפט פארלאזט ניט אויף
איין מינוט, קומען אויפן געדאנק די פרידיקע
יונגע יארן, די שיינע היים, די פעלדער

די וועלדער, דער טייך, די אזיערע,
די קארן בלומען, די וואקאווקעס, די
ליליעס און אנדערע בלומען ביי אונז אין
גארטן, און אין אלע שכונות גערטנער.
זיץ איך א פארביינקטע און קוק דורכן פענסטער,

דער ווינטער, ווי א ניט געווינטשטער גאסט, איז שוין
געקומען, איך זע ווי די פייגעלעך פליען ארום
פון איין בוים צו א צווייטער, זיי זוכן א בלעטל
ווי פון רעגן און קעלט זיך באשיצן,
אבער געפונען ניט טרויעריק זיינען זיי גלייך.

מיט מיר אבער איך וויל זיי
זאגן טייערע, שיינע, פייגעלאך,
פאר איך וועט קומען א נייער
פרילינג, וועט איר ווייטער זינגען,
אבער מיר מענטשן האבן בלויז איין פרילינג.

„וואס געזאנג, וואס געוויין,
מ'קאן זיך צולאכן פון פיין,
און פון פרייד צוזאמען ברעכן . . .
און ווער קאן דאס אלץ פארשטיין?“

מיט די פאר ווערטערן
פון פאעט שטענצל
פארענדיק איך מיין בייבקשאפט.



עלא זילבערג

פארן גוטן פריינט דעם פאעט א. נ. שטענצל צום 80טן געבורטסטאג

יארן אנגעזאפט מיט טרויער,
יארן אנגעפילט מיט פיין,
דורך א לעבן א צעשטערטן,
וואנדערט שטענדיק ער אליין.

איינגעהילט אין די חלומות,
טרוימט ער פון א בעסערע וועלט,
זוכט גערעכטיקייט און יושר,
יאגט זיך ניט נאך קרוין און געלט.

קעמפט פאר זיינע אידעאלן,
מיט די כוחות ווייניג, שוואך,
כבוד ווארט ער ניט צו קריגן,
לוקסוס מיינט פאר אים קיין זאך.

אזוי געוואנדערט פילע יארן,
אזוי נאך וואנדערן וועט ער לאנג,
אויסגיסן זיין הארץ אין לידער,
טריי צום אידישן געזאנג.

היינט מיר וועלן אים באגריסן,
ווינטשן אים א וועג פול פרייד,
זאל ער חלומ'ן נאך ווייטער,
שפינען לידער צארט ווי זייד.

אייזק גאלדבערג

## — דיין וועג
(א. נ. שטענצל, צום 80'טן געבוירן יאר, מאי, 1977)

אויף שוועבנדע וואלקנס דערהויבן
מיט באטריבטן, שטיקענדן פיין,
מיט ריזיקע פליגלען דערפלויגן,
צו וועלטן פון ליכטיקן שיין . .

מיט טיף באהאלטענעם צווייפל
באדריקט פונם אייגענעם „איך",
געיאגט פונם גייסט מיט א שמייכל,
צו פארלאנגען, וואס שטרעמען אין זיך . . .

דו גייסט אין די זעלביקע וועגן,
געקייטלט אין די רינגען פון אמאל,
וואס טאטעס און זיידעס האבן געגעבן,
איז דור אן אוצר, ווי אייזן און שטאל.

געלויבט, און קיינמאל פארשטויסן,
פון אייגענע, און נאענטע ארום זיך,
דער אפקלאנג אפילו פון דרויסן
באפרידיקט נישט אלעמאל דיין איך:

„יידיש", קרוין, איז ביי אנדערע א בושה,
ביי דיר, וואס נביאים, רחמים האבן געגעבן — —
און מיט מענדעלע דעם זיידנס ירושה,
שלעפסטו זיך, אויף אלע דיינע וועגן.

אזוי וועבסטו דיין אייגענעם לעבן
מיט עקשנות'דיק ווילדן פארלאנג,
אין בלייבן וועט פון דיין שטרעבן
אן אוצר, פון א גייסטיק געשאנק!. . .

## צו מיינע שמונים

1

מילא געשטארבן יונג, כאטש זאגן געקענט
וואסער גרויסער פאעט פון אים ס'וואלט געווארן,
אבער אז איבער די אכציק איך בין שוין,
און וואס, מישטיינסגעזאגט, געמאכט מיט די יארן?

אהין־אהער געשלעפט דאס ביסל גראמען,
און וואס נישט אלץ פארבראקט אין שיסל לידער:
געקאכט, אן איבערגייענדיקער קעסל,
און הארץ און שמארץ אן איפהער אבער און ווידער.

מיך געקריגט מיט גאט אליין כביכול!
און געיובלט פאר א פארזשאווערטן גראשן:



מיט וויפל קריוודעס פארצווייפלט, פארקראכן
אונטער דער ספודניצע פונם מאמע־לשון.

תחינהדיק פארטרערט די ערד, טאטע־פאטער:
לעצט בלעטל מענה־לשון אוועקגעפליגן — —
כ'לעבע־די־געדיכטע מיט שוואכסטן כוח נאך,
ביזגל שערבעלעך שוין ליגן אויף די אויגן —

פאר די סודות־טיפענישן פון דער ערד,
זיי זיינען דאך די בעסטע, געשליפענע ברילן!
וועל איך מיר אין זאמד רואיק שרייבן מיין ליד,
מיינע לייענער די משיהלעך און די גרילן —

2

עס זיינען אמאל אינם שטעטל אריין
גאר גרויסע געסט אנגעקומען צו רייזן,
האבן אים די פני צום רב אהינגעפירט,
ווייל עפעס גרעסערס נישט געהאט צו באווייזן.

ווען זיי זיינען אהינצו אנגעקומען,
האט ער אויף גמרא געלייגט זיין פאטשיילע,
אבער אנשטאט א שווער־הארבע דין־תורה
אדער צו פרעגן אייף א פופיק א שאלה,

זיינע מעלות די געוואלטיקע, גרויסע,
אויסרעכענען ראש־העיר האט אנגעהויבן:
„א למדן, א מתמיד, א חכם מחוכם,"
און ווען ער פערטיק געווארן מיטן לויבן,

דער רב גאר גרויס די אויגן אויפגעהויבן
און זיין קיל־תירה מיט א טענה ס'טיט קלאגן:
„אז כ'בין א געוואלטיקער, גרויסער ענו
האט איר אנגאנצן גאר פארגעסן צו זאגן?"

3

שלוש־סעודות־טונקלניש ארום,
און טאטנס קול ווי אצינד כ'טו הערן;
די אויגן פארמאכט, די ליפן שעפטשען,
אויפגייענדיק הויך קנייטש זיך זיין שטערן:

אויף מידות מוז א ייד שווער הארעווען,
ס׳גענוגנט נישט בלויז מיטן הארץ באגערן.

מ׳קאן די טיפסטע עניוות פראווען
און ס׳זאל די גאר גרעסטע גאות ווערן —
מען זעצט זיך אויבן־אן ארויף,
מ׳קנייטשט, מ׳גלאצט דעם גלאנציקן גלאצע־שטערן.

א, מ׳מוז צוערשט א משה זיין,
צו די שפל־הרוח קענען געהערן.

מאוד מאוד הוה שפל־הרוח,
„טוב מאוד זה המות:" שטייט געשריבן,
און האט נישט משה בעסער דעם טויט —
„אם אין מחני־נא: — אויסגעקליבן?

זע, גאנץ אויסגעמעקט געוואלט ר׳האט זיין,
און דער אומשטערבלעכסטער גאר געבליבן.

4

א „שמיני שבשמינית" ס׳מוז א מענטש, מסתם, האבן,
אויב נישט, העלפט ער מיט אייגענע הענט ס׳גוטע באגראבן;
און ס׳קריכן די מייז און די ראטן דעם פארקן אריבער,
און פון דעם, וואס געוואקסט, ס׳בלייבט קיין שפור נישט איבער.

א „שמיני שבשמינית" ווי קאן מען דאס אויסמעסטן?
ביי אזא חשבונען, וואס בלייבט פון גדול, פונם גרעסטן?
באר גרויס בושה ער קאן אין דער ערד ארײנוואקסן,
אחוץ א מין חסיד־שוטה מיט געמאכטע פאקסן.

זאגט מען טאקע נאך א גוט ווארט פארן ווילנער גאון:
„דער אכטער פסוק אין דער אכטער סידרה הייבט זיך אן
„קטינתי מכל החסדים ומכל האמת" —
אויף דעם־א ס׳איז דער שמיני שבשמינית דער רמז".



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

460-66 38סטער יארגאנג אקט.־דעצעמ. 1977 לאנדאן

אינהאלט:

לידער לכבוד ירושלים און לכבוד שבת ........ *** 3
דער שרייבער פון צוויי קולטורן ........ ש. גאלדשמיד 17
שלום עליכם ........ יוסף שמעון וויינשטיין 18
צו לייוויקס פופצענטער יארצייט ........ אסתר ערליכמאן 25
יאנאש קארטשאק ........ משה דאמב 27
נישט צו דערקענען (לידער) ........ עלא זילבערג 28
שטערן אויף מיין וועג ........ סעם גאלדבערג 30
סעם גאלדבערגס מזל־טוב פראדאקשן ........ דוד בערמאן 38
אברהם ערלעכמאן ע״ה ........ אייזיק גאלדבערג 39
ליד אין פאסטנאכט (ליד) ........ שיע טענענבוים 40
א חתן־בחור (ליד) ........ אייזיק גאלדבערג 41
ווידמונג (לידער) ........ א. נ. שטענצל 42
געהיל אין יראהס ווערטער ל. בארוויק, מוזיק מאיר באגדאנסקי 47־48

לאנדאנער יידישע קולטור ידיעות
דאס הייז אויף ווייטשעפל־אלדגייט ווו שלום עליכם האט געוווינט
ווען ער. איז געווען אין לאנדאן—פאטא: שלום אלמאן

רעדאגירט א. נ. שטענצל
פרייז 15 פענס
יידיש־ליטעראריש שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנטס גראיו, א.1.

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*